זֶה הַשַּׁעַר לַה׳ צַדִּיקִים יָבוֹאוּ בוֹ

סֵפֶר

# לִקוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן

הַנִּכְבָּד וְהַנּוֹרָא, מִי כָּמוֹהוּ מוֹרֶה, הַיּוֹצֵא בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה, מִפִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, נְבוֹן לַחַשׁ וַחֲכַם חֲרָשִׁים. הֲלֹא הוּא כְּבוֹד אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב הָאֱמֶת, הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ הָאֲמִתִּי, נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, אוֹר יִשְׂרָאֵל וּקְדוֹשׁוֹ, הַמְפֻרְסָם בְּכָל קַצְוֵי אֶרֶץ וְיָם רְחוֹקִים. שְׁמוֹ קֹדֶשׁ. מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב רַבִּי **נַחְמָן** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, מִקְּהִלַּת **בְּרֶסְלֶב**, בְּהָרַב הַוָּתִיק וְחָסִיד, מוֹרֵנוּ הָרַב שִׂמְחָה זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, בֶּן לְאוֹתוֹ צַדִּיק, הָרַב הַקָּדוֹשׁ הַמְפֻרְסָם, מוֹרֵנוּ הָרַב נַחְמָן הָארִידֶענְקֶיר זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. וּמִצַּד אִמּוֹ הַצַּדֶּקֶת הַמְפֻרְסֶמֶת בְּשֵׁם טוֹב, מָרַת פֵיגָא זצ״ל. הוּא נִין וָנֶכֶד לְהָרַב הַקָּדוֹשׁ, רַבָּן שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל, קָדוֹשׁ שְׁמוֹ, מוֹרֵנוּ הָרַב **יִשְׂרָאֵל בַּעַל־שֵׁם־טוֹב** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. יִשְׂמַח אָבִיךְ וְאִמֶּךָ וְתָגֵל יוֹלַדְתֶּךָ. עֲטֶרֶת זְקֵנִים בְּנֵי בָנִים. בִּזְכוּתָם יָאִיר עָלֵינוּ חַסְדֵי דָוִד הַנֶּאֱמָנִים. וְנִזְכֶּה לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה׳ פָּנִים אֶל פָּנִים. חִישׁ קַל מְהֵרָה נָשׁוּב לְצִיּוֹן בְּרְנָנִים. בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן:

עִם פֵּירוּשׁ

## שְׂפָתַי תִּפְתָּח

אִידִישׁ

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# זֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֵה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

# רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטֹּאקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

## אסתר גיטל תחי',

וילדיהם

**שלמה ומשפ',**

**אלחנן חיים ומשפ',**

**מרים העניא זיסל ומשפ',**

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא ויזכו לרות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם

**אמן כן יהי רצון**

# הַקְדָמָה

דָוִד הַמֶלֶךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִים נא, יז): "ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח" הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶפְן מִיר מַיין מויל, "וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ" אִיךְ זָאל דִיךְ קֶענֶען דַאנְקֶען אוּן לויבְּן. וַוייל צוּלִיבּ דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, מִיר זָאלְן וִויסְן אוּן אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶר הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, עֶר פִירְט אַלֶעס, אוּן אִים דַאנְקֶען אוּן לויבְּן. דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז; עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ קְלָארֶע, לוּיטֶערֶע, רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר', אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ שְׁפִּירְן - עֶפְנְט זִיךְ דִי מויל אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פֵּירוּשׁ "שְׂפָתַי תִּפְתָּח" אִיז אַ גְרִינְגֶע לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אוּיפְ'ן הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער פֵּירוּשׁ אִיז גֶעבּוּיט אוּיף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: שְׂפַת הַנַחַל, דְרָשׁוֹת מוֹהֲרָא"ש אוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל; אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוּן גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג פַאר דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים, אַז דִי הַיינְטִיגֶע מֹחוֹת זָאלְן אוּיךְ הָאבְּן אַ טַעַם אוּן אַ גֶעפִיל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. זֵיי זָאלְן אוּיךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט) מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת - וֶועט זִיךְ אִים אוּיפְשְׁטָאפְן אַלֶע פַארְשְׁטָאפְטֶע אָדֶערְן.

**אִיךְ** הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן עֶפְנְט אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תְּרוּמוֹת א, ג): "סְתָם חֵרֵשׁ - שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס) פַארְוָואס רֶעדְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר אִיז 'אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ' בְּקוֹל צַדִיקִים, אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיקִים - אִיז מֶען אַן 'אֵינוֹ מְדַבֵּר', רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶּער אַז מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִיק, מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - וֶוערְט "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", דִי לִיפְּן עֶפֶענֶען זִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן.

**אוֹיךְ** אִין דִי וָוארְט 'שְׂפָתַי' אִיז דָא דִי וָוארְט 'שְׂפַת' וַוייל דָאס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְן הֵיילִיגְן סֵפֶר "שְׂפַת הַנַּחַל" אוּן אִינֶעם אוֹת יוּ"ד אִיז מְרוּמָז מַיין נָאמֶען.

**דֶער** אייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן פַארֶרעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף מְתַקֵן זַיין; מַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה. אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אוּן מִיר זָאלְן אַלֶע שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה, וֶוען עֶס וֶועט זַיין וּ'מֶלֶךְ אֶ'חָד יִ'הְיֶה לְ'כֻלָּם (יְחֶזְקֵאל לז, כב)

(לְשׁוֹן רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה)

**תְּהֹמֹת יְכַסְיֻמוּ, יָרְדוּ בִמְצוֹלֹת וְכוּ'**

(שְׁמוֹת ט"ו).

**א כִּי עִקַּר הַחִיּוּת מְקַבְּלִין מֵהַתְּפִלָּה** די גַאנְצֶע לֶעבְּן בַּאקוּמְט מֶען פוּן דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים מ"ב): 'תְּפִלָּה לְקֵל חַיָּי' [דָאס אִיז מַיין תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הִיט מַיין לֶעבְּן], דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט נָאךְ אַ טַייטְשׁ, 'תְּפִלָּה לְקֵל' מִיט דֶעם וָואס אִיךְ דַאוֶון צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט מִיר אַנְטְפְּלֶעקְט – 'חַיָּי' וֶוער עֶס גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן, אַז מַיין לֶעבְּן קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, דֶערְמָאלְט וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג, שְׁוֶוערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען – הָאט מֶען זִיךְ וואו צוּ וֶוענְדְן, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין אִין לֶעבְּן. ווי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ מֶער וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מִיט מִיר אוּן עֶר גֶעבְּט לֶעבְּן פַאר מִיר אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט'.

**וּבִשְׁבִיל זֶה** אוּן דֶערְפַאר וָואס תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז דוּרְכְדֶעם וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט לֶעבְּן – **צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל בְּכָל כֹּחוֹ** דַארְף מֶען דַאוֶוענֶען מִיט דִי גַאנְצֶע כֹּחַ. דָאס מֵיינְט, מֶען זָאל אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוֶוענֶען, צוּבִּינְדְן דִי מַחֲשָׁבָה צוּם דִיבּוּר. **כִּי כְּשֶׁמִּתְפַּלֵּל בְּכָל כֹּחוֹ** ווייל וֶוען מֶען דַאוֶוענְט מִיט דִי גַאנְצֶע כֹּחַ [מֶען הָאט אִינְזִין דָאס דַאוֶוענֶען], **וּמַכְנִיס כֹּחוֹ בְּאוֹתִיּוֹת הַתְּפִלָּה** אוּן מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי כֹּחַ אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען דַאוֶוענְט, דִי 'כֹּחַ' מֵיינְט מֶען דִי 'מַחֲשָׁבָה' – **אֲזַי נִתְחַדֵּשׁ כֹּחוֹ שָׁם** וֶוערְט בַּאנַייט דִי מַחֲשָׁבָה, **בִּבְחִינַת** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אֵיכָה ג, כג): 'חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים' דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאנַייעֶן זִיךְ יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי ('רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ') גְרוֹיס אִיז דַיין בַּאגְלֵייבְּטְשַׁאפְט וְכוּ', דוּ בִּיסְט בַּאגְלֵייבְּט צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט צוּגֶעזָאגְט; טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי **כִּי אֱמוּנָה הִיא תְּפִלָּה** אֱמוּנָה אִיז תְּפִלָּה, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת י"ז, יב): 'וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה' משֶׁה רַבֵּינוּ'ס הֶענְט זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט מִיט אֱמוּנָה, **תַּרְגּוּמוֹ** זָאגְט דֶער תַּרְגּוּם: 'פְּרִישָׂן בִּצְלוֹ' אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

## ט

(לְשׁוֹן רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה)

**תְּהֹמֹת יְכַסְיֻמוּ, יָרְדוּ בִמְצוֹלֹת וְכוּ'** (שְׁמוֹת ט"ו).

**א** כִּי עִקַּר הַחִיּוּת מְקַבְּלִין מֵהַתְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים מ"ב): "תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי". וּבִשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל בְּכָל כֹּחוֹ, כִּי כְּשֶׁמִּתְפַּלֵּל בְּכָל כֹּחוֹ וּמַכְנִיס כֹּחוֹ בְּאוֹתִיּוֹת הַתְּפִלָּה, אֲזַי נִתְחַדֵּשׁ כֹּחוֹ שָׁם, בִּבְחִינַת (אֵיכָה ג): "חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים (רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ") וְכוּ'. כִּי אֱמוּנָה הִיא תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת י"ז): "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה", תַּרְגּוּמוֹ: 'פְּרִישָׂן בִּצְלוֹ':

**ב וְדַע,** שֶׁיֵּשׁ שְׁנֵים-עָשָׂר שְׁבָטִים, כְּנֶגֶד שְׁנֵים-עָשָׂר מַזָּלוֹת (תִּקּוּן יח, וּבְתִקּוּן כא), וְכָל שֵׁבֶט וָשֵׁבֶט יֵשׁ לוֹ נֻסְחָא מְיֻחֶדֶת וְיֵשׁ לוֹ שַׁעַר מְיֻחָד לִכָּנֵס דֶּרֶךְ שָׁם תְּפִלָּתוֹ, וְכָל שֵׁבֶט מְעוֹרֵר בִּתְפִלָּתוֹ כֹּחַ מַזָּלוֹ שֶׁבִּשְׁנֵים-עָשָׂר מַזָּלוֹת; וְהַמַּזָּל מֵאִיר לְמַטָּה וּמְגַדֵּל הַצֶּמַח וּשְׁאָר דְּבָרָיו הַצְּרִיכִים אֵלָיו.

**וְזֶה** פֵּרוּשׁ (בַּמִּדְבָּר כ"ד): "דָּרַךְ

מיט תְּפִלָּה; זֶעט מֶען אַז דֶער פָּסוּק רוּפְט אָן תְּפִלָּה - 'אֱמוּנָה', וַוייל אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה זֶענֶען אֵיינְס, דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק 'רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ' אַז מֶען דַאוֶוענְט בְּכֹחַ, מֶען לֵייגְט צוּ דִי מַחֲשָׁבָה - 'חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים' בַּאקוּמְט מֶען נַייעֶ מוֹחִין, מֶען הוֹיבְּט אָן מֶער אוּן מֶער שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט אַלֶעס.

[תְּפִלָּה בְּכֹחַ מֵיינְט דֶער רֶבִּי - מֶען זָאל מְקַשֵּׁר זַיין דִי מַחֲשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, מֶען זָאל אִינְזִין הָאבְּן וָואס מֶען דַאוֶוענְט, נִישְׁט דָאס שְׁרֵייעֶן מִיט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע קוֹלוֹת און מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע תְּנוּעוֹת, וַוייל אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין וָואס מֶען בֶּעט, מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין דִי אוֹתִיּוֹת הַתְּפִלָּה, אִיז אֲפִילוּ מֶען שְׁרֵייט אוּן מֶען שָׁאקֶלְט זִיךְ מִיט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע תְּנוּעוֹת - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה בִּשְׁלֵמוּת, ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין].

**ב וְדַע** און וויסְן זָאלְסְטוּ שֶׁיֵּשׁ שְׁנֵים עָשָׂר שְׁבָטִים אַז עֶס אִיז דָא צְוֶועלְף שְׁבָטִים, אוּן זֵיי זֶענֶען כְּנֶגֶד שְׁנֵים עָשָׂר מַזָּלוֹת אַנְטְקֶעגְן דִי צְוֶועלְף פְּלַאנֶעטְן (תִּקּוּן יח, וּבְתִקּוּן כא) וְכָל שֵׁבֶט וָשֵׁבֶט און יֶעדֶע שֵׁבֶט יֵשׁ לוֹ נֻסְחָא מְיֻחֶדֶת הָאט זַיין סְפֶּעצִיעֶלֶע נוּסָח וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶועןְ פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ, וְיֵשׁ לוֹ שַׁעַר מְיֻחָד און אַ בַּאזוּנְדֶערֶע טוֹיעֶר לִכָּנֵס דֶּרֶךְ שָׁם תְּפִלָּתוֹ וואו זַיינֶע תְּפִלּוֹת גֵייעֶן אַרַיין דָארְט, וְכָל שֵׁבֶט און יֶעדֶע שֵׁבֶט מְעוֹרֵר טוּט אוֹיפְוֶועקְן בִּתְפִלָּתוֹ מִיט זַיין דַאוֶוענֶען כֹּחַ מַזָּלוֹ דִי כֹּחַ פוּן זַיין מַזָּל שֶׁבִּשְׁנֵים עָשָׂר מַזָּלוֹת פוּן דִי צְוֶועלְף פְּלַאנֶעטְן, וְהַמַּזָּל און דִי מַזָּל מֵאִיר לְמַטָּה טוּט אַרָאפְּשַׁיינֶען אוֹיף אוּנְטְן וּמְגַדֵּל הַצֶּמַח און הֶעלְפְט בְּגַשְׁמִיּוּת אַז אַלֶעס זָאל וַואקְסְן גוּט, אוּן אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי. וּשְׁאָר דְּבָרָיו הַצְּרִיכִים אֵלָיו און אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ אִים בַּאקוּמֶען כֹּחַ פוּן דֶעם מַזָּל דוּרְךְ זַיין תְּפִלָּה.

**דֶערְפַאר** גֶעפִינֶען מִיר אַלֶע סָארְטְן נֻסְחָאוֹת; אַשְׁכְּנַזִּ'ישֶׁע נוּסָח, סְפַרְדִ'ישֶׁע נוּסָח, עֵדוֹת הַמִּזְרָח נוּסָח, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ צִיט זִיךְ צוּ זַיין שׁוֹרֶשׁ, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג צוּ זָאגְן אַז אַלֶע דַארְפְן דַאוֶוענֶען אוֹיף אֵיין נוּסָח, נָאר יֶעדֶער דַאוֶוענְט לוֹיט ווִי עֶס צִיט אִים צוּ זַיין שׁוֹרֶשׁ, צוּ זַיין טִיר אוּן טוֹיעֶר וָואס פִירְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר דִי פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים אַז אַלֶע זָאלְן בְּלַייבְּן מִיט זֵייעֶר נוּסָח, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל בַּייטְן דִי נוּסָח, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין טוֹיעֶר אוּן טִיר וואוּ זַיינֶע תְּפִלּוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף.

**וְזֶה** פֵּרוּשׁ און דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כ"ד, יז): 'דָּרַךְ כּוֹכָב מִיַּעֲקֹב' עֶס וֶועט אוֹיפְקוּמֶען אַ שְׁטֶערְן פוּן יַעֲקֹב,

כּוֹכָב מִיַּעֲקֹב וְקָם שֵׁבֶט מִיִּשְׂרָאֵל". 'וְקָם' — זֶה בְּחִינַת עֲמִידָה, בְּחִינַת תְּפִלָּה. כְּשֶׁשֵּׁבֶט מִיִּשְׂרָאֵל עוֹמֵד לְהִתְפַּלֵּל, עַל-יְדֵי-זֶה מְעוֹרֵר כּוֹכָב, וְהַכּוֹכָב הוּא דוֹרֵךְ וּמַכֶּה הַדְּבָרִים שֶׁיִּגְדְּלוּ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרֵאשִׁית-רַבָּה, פָּרָשָׁה י): 'אֵין לְךָ עֵשֶׂב מִלְּמַטָּה שֶׁאֵין לוֹ כּוֹכָב וּמַלְאָךְ מִלְמַעְלָה, שֶׁמַּכֶּה אוֹתוֹ וְאוֹמֵר לוֹ: גְּדַל!'.

וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (פְּסָחִים קיח.): 'קָשִׁין מְזוֹנוֹתָיו כִּקְרִיעַת יַם־סוּף וְקָשֶׁה זִוּוּגוֹ [כִּקְרִיעַת יַם־סוּף]' וְכוּ' (סוֹטָה ב). כִּי הַיַּם־סוּף נִקְרַע לִשְׁנֵים־עָשָׂר קְרָעִים, כְּנֶגֶד

דאס מֵיינט מען די אִידן, 'וְקָם' און עס וועט אויפשטיין 'שֵׁבֶט מִיִּשְׂרָאֵל' אַ רוט פון די אִידן; טַייטשט דער רֶבּי 'וְקָם' די ווארט 'וְקָם' זֶה בְּחִינַת עֲמִידָה איז די זעלבע ווארט פון 'עֲמִידָה', 'וְקָם' טַייטשט אויפשטיין, און 'עֲמִידָה' טַייטשט אויפשטיין, בְּחִינַת תְּפִלָּה און די ווארט 'עֲמִידָה' איז מְרַמֵּז אויף תְּפִלָּה, אַזוי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאגן (בְּרָכוֹת ו:): 'אֵין עֲמִידָה אֶלָּא תְּפִלָּה' די ווארט עֲמִידָה מֵיינט תְּפִלָּה, דאס מֵיינט צו זאגן, כְּשֶׁשֵּׁבֶט מִיִּשְׂרָאֵל עוֹמֵד לְהִתְפַּלֵּל ווען אַ איד שטעלט זיך דאווענען מיט די נוסח פון זיין שֵׁבֶט עַל יְדֵי זֶה מְעוֹרֵר כּוֹכָב דורכדעם ווערט אויפגעוועקט די שטערן, וְהַכּוֹכָב הוּא דוֹרֵךְ און די שטערן טוט טרעטן וּמַכֶּה הַדְּבָרִים שֶׁיִּגְדְּלוּ און טוט האקן אויף די גראזלעך זיי זאלן וואקסן, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוי ווי די הייליגע חֲכָמִים זאגן (בְּרֵאשִׁית-רַבָּה, פָּרָשָׁה י, סִימָן ו): 'אֵין לְךָ עֵשֶׂב מִלְּמַטָּה' עס איז נישטא קיין גראז דא אויף די וועלט, 'שֶׁאֵין לוֹ כּוֹכָב וּמַלְאָךְ מִלְמַעְלָה' וואס האט נישט קיין באזונדערע שטערן און אַ מַלְאָךְ אויבן אין הימל 'שֶׁמַּכֶּה אוֹתוֹ' וואס קלאפט אויף אים 'וְאוֹמֵר לוֹ' און זאגט אים: 'גְּדַל' וואקס! דאס איז די פְּשַׁט אין פָּסוּק, 'וְקָם שֵׁבֶט מִיִּשְׂרָאֵל' דורכדעם וואס אַ איד דאווענט מיט די נוסח פון זיין שֵׁבֶט, 'דָּרַךְ כּוֹכָב מִיַּעֲקֹב', ווערט ערוועקט די כֹּחַ פון די שטערן וואס מאכט וואקסן אלעס וואס איז אנגעהאנגען אין איר, ['מִיַּעֲקֹב' וואס יַעֲקֹב איז אנטקעגן אלע תְּפִלּוֹת, ווייל אין יַעֲקֹב זענען שוין נִכְלָל אלע שְׁבָטִים].

וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה און דאס איז וואס די הייליגע חֲכָמִים זאגן (פְּסָחִים קיח.): 'קָשִׁין מְזוֹנוֹתָיו' עס איז שווער צו געבן פַּרְנָסָה פאר מענטש - 'כִּקְרִיעַת יַם סוּף' אַזוי ווי קְרִיעַת יַם סוּף, 'וְקָשֶׁה' און אַזוי אויך איז שווער 'זִוּוּגוֹ' דאס טרעפן אַ שידוך און האבן שְׁלוֹם בַּיִת - ['כִּקְרִיעַת יַם־סוּף]' אַזוי ווי קְרִיעַת יַם סוּף, וְכוּ' (סוֹטָה ב.). דער רֶבּי גייט דא אַנטפּלעקן אַ געוואלדיגע סוד; וואס איז פְּשַׁט אין דעם אַז די צוויי זאכן 'חֲתוּנָה האבן' און 'פַּרְנָסָה' - איז שווער אַזוי ווי שפאלטן די יַם סוּף? כִּי הַיַּם סוּף נִקְרַע ווייל ווען דער אייבערשטער האט געמאכט די גרויסע

**שְׁנֵים־עָשָׂר שְׁבָטִים** (פִּרְקֵי דְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, מב; עַיֵּן תִּקּוּן כ"א נט.), **וּבְנֵי־יִשְׂרָאֵל בִּתְפִלָּתָם גּוֹרְמִים זִוּוּגָא דְּקֻדְשָׁא־בְּרִיךְ־הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (תְּהִלִּים ס"ח): **"סֹלּוּ לָרֹכֵב בָּעֲרָבוֹת" — 'רוֹכֵב', דָּא קֻדְשָׁא־בְּרִיךְ־הוּא, 'עֲרָבוֹת', דָּא שְׁכִינְתֵּהּ, שֶׁנִּתְעָרֵב בָּהּ כָּל הַגְּוָנִין.**

**וּלְפִי הַזִּוּוּג שֶׁגּוֹרֵם בִּתְפִלָּתוֹ, כֵּן זוֹכֶה לְזִוּוּגוֹ;**

נס און געשפּאָלטן די יַם סוּף, האָט ער עס געשפּאָלטן לִשְׁנֵים עָשָׂר קְרָעִים אויף צוועלף שפּאַלטענס, פאַרוואָס האָט דאָס געדאַרפט זיין אין צוועלף שפּאַלטענס?

**כְּנֶגֶד שְׁנֵים עָשָׂר שְׁבָטִים** אַנטקעגן די צוועלף שְׁבָטִים, וואָס יעדע שֵׁבֶט האָט זיין נוּסַח הַתְּפִלָּה, וואָס דורך די תְּפִלּוֹת פון די אידישע קינדער, די צוועלף שְׁבָטִים וואָס האָבן געשריגן צום אייבערשטן יעדער אויף זיין וועג - דורכדעם איז געשען די גרויסע נֵס (פִּרְקֵי דְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, מב; עַיֵּן תִּקּוּן כ"א נט.)

און אַזוֹי אויך ווען מען דאַרף אַ שִׁידוּךְ און מען דאַרף פַּרְנָסָה און עס איז דאָ קִטְרוּגִים אויפן מענטש, דאַרף דער מענטש טון וואָס מען האָט געטון ביי קְרִיעַת יַם סוּף, אַסאַך דאַווענען צום אייבערשטן און אַסאַך שרייען צום אייבערשטן 'כִּקְרִיעַת יַם סוּף' אַזוֹי ווי די אידן האָבן געשריגן צום אייבערשטן ביים קְרִיעַת יַם סוּף.

**יעצט** גייט דער רבי געבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס די צווי זאַכן 'חֲתוּנָה האָבן' און 'פַּרְנָסָה' - איז אָנגעהאָנגען אין 'תְּפִלָּה'.

**וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל בִּתְפִלָּתָם** ווען אַ איד דאַווענט צום אייבערשטן **גּוֹרְמִים זִוּוּגָא דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ** ווערט אַזוֹי ווי אַ שִׁידוּךְ צווישן דעם איד און דער אייבערשטער, דער איד ווערט איינס מיטן אייבערשטן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עס שטייט אין פָּסוּק (תְּהִלִּים ס"ח, ה): 'סֹלּוּ' לויבט דעם אייבערשטן 'לָרֹכֵב בָּעֲרָבוֹת' וואָס רייט אין די הימלען פון עֲרָבוֹת, און דער הייליגער זוהר זאָגט (פָּרָשַׁת תְּרוּמָה קסה:): 'רוֹכֵב' די וואָרט 'רוֹכֵב' **דָּא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** מיינט מען דעם אייבערשטן, 'עֲרָבוֹת' און די וואָרט 'עֲרָבוֹת' **דָּא שְׁכִינְתֵּהּ** מיינט מען די שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, און פאַרוואָס ווערט די שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אָנגערופן מיט די וואָרט עֲרָבוֹת, וואָס איז אַ לָשׁוֹן פון אויסמישן? **שֶׁנִּתְעָרֵב בָּהּ כָּל הַגְּוָנִין** ווייל אין די שְׁכִינָה וואָס איז די מִדָּה פון 'מַלְכוּת' - איז אויסגעמישט אַלע קאָלירן און אַלע סְפִירוֹת, די מִדָּה פון מַלְכוּת האָט אין זיך אַלע סְפִירוֹת; חֶסֶד גְּבוּרָה תִּפְאֶרֶת נֶצַח הוֹד יְסוֹד מַלְכוּת, און דאָס איז די טייטש אין פָּסוּק 'סֹלּוּ' דורכדעם וואָס מען דאַווענט - מאַכט מען אַ שִׁידוּךְ - 'לָרֹכֵב' צווישן דעם אייבערשטן וואָס ווערט אָנגערופן 'רוֹכֵב' און די שְׁכִינָה וואָס ווערט אָנגערופן 'עֲרָבוֹת'.

**וּלְפִי הַזִּוּוּג שֶׁגּוֹרֵם בִּתְפִלָּתוֹ** און לויט וויפיל דער מענטש דאַווענט און עס ווערט אַן עִנְיָן פון אַ זִיווּג צווישן דעם אייבערשטן און די שְׁכִינָה - **כֵּן זוֹכֶה לְזִוּוּגוֹ** אַזוֹי איז ער אויך זוֹכֶה - מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה

וְהַתְּפִלָּה הֵם שְׁתֵּים־עֶשְׂרֵה נֻסְחָאוֹת, לְפִיכָךְ הַזִּוּוּג כִּקְרִיעַת יַם־סוּף שֶׁהֵם שְׁנֵים־עָשָׂר.

וְגַם יִשְׂרָאֵל מְפַרְנְסִים לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם בִּתְפִלָּתָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם ק"ה): "וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק", 'וְחֹק לְשָׁנָא דִמְזוֹנָא הוּא' (בֵּיצָה ט"ז.), 'וְאֵין עֲמִידָה אֶלָּא תְּפִלָּה' (בְּרָכוֹת ו:). וְזֶה פֵּרוּשׁ (תְּהִלִּים צ"ט): "שָׁמְרוּ עֵדֹתָיו וְחֹק נָתַן לָמוֹ" — 'עֵדוּת' זֶה תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם קכ"ב): "שִׁבְטֵי יָהּ עֵדוּת לְהֹדוֹת

– צו טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ, און אויבּ הָאט עֶר שׁוין אַ שִׁידוּךְ – וֶועט עֶר הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, (וואו מֶען רֶעדְט דָא פון טְרֶעפְן די זִיווּג, מֵיינְט מֶען אויךְ דָאס הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, וָואס דָאס אִיז די בַּאדֵייט פון אַ זִיווּג). וְהַתְּפִלָּה און דָאס דַאוֶוענֶען הֵם שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה נֻסְחָאוֹת אִיז אִין צְוֶועלְף נֻסְחָאוֹת, לְפִיכָךְ דֶערְפַאר הַזִּוּוּג וֶוען מֶען וויל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ שִׁידוּךְ אָדֶער שָׁלוֹם בַּיִת, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כִּקְרִיעַת יַם סוּף אַזוֹי ווי בַּיים שְׁפַּאלְטְן דֶעם יַם סוּף שֶׁהֵם שְׁנֵים־עָשָׂר וָואס אִיז גֶעשְׁפָּאלְטְן גֶעוָוארְן אויף צְוֶועלְף דורךְ די תְּפִלּוֹת פון די צְוֶועלְף שְׁבָטִים.

אַזוֹי אויךְ אִיז די פַּרְנָסָה פונֶעם מֶענְטְשׁ אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין תְּפִלָּה, ווייל וְגַם יִשְׂרָאֵל מְפַרְנְסִים לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם בִּתְפִלָּתָם וֶוען מֶען דַאוֶוענְט צום אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס אַזוֹי ווי מֶען גֶעבְּט פַּרְנָסָה כִּבְיָכוֹל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם ק"ה, י): 'וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק' [און עֶר הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם בּוּנְד פַאר יַעֲקֹב, אַלְס אַ גֶעזֶעץ], טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי, די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן: 'וְחֹק' די וָוארְט 'חֹק' 'לְשָׁנָא דִמְזוֹנָא הוּא' אִיז אַ לָשׁוֹן פון שְׁפַּייז (בֵּיצָה ט"ז.), און די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן: 'וְאֵין עֲמִידָה אֶלָּא תְּפִלָּה' (בְּרָכוֹת ו:) די וָוארְט 'עֲמִידָה' מֵיינְט תְּפִלָּה; און וֶוען יַעֲקֹב, דָאס מֵיינְט מֶען דֶער אִיד – 'וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב' שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען, דורְכְדֶעם – 'לְחֹק' אִיז מֶען מְפַרְנֵס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אויךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר (פָּרָשַׁת פִּנְחָס רכו:) מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן פַארְן דַאוֶוענֶען, 'כִּי מַלְכָּא יֵיכוּל בְּקַדְמִיתָא' עֶרְשְׁט דַארְף דֶער קֶענִיג בַּאקוּמֶען פַּרְנָסָה, 'וּלְבָתַר יֵיכְלוּן עַבְדוֹי' און נָאכְדֶעם קֶענֶען מִיר בַּאקוּמֶען פַּרְנָסָה, עַיֵּין שָׁם; זֶעט מֶען פון דֶעם אַז וֶוען מֶען דַאוֶוענְט – אִיז מֶען מְפַרְנֵס כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט גֵייט דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגֶען אַ רְאָיָ' אַז לוֹיט ווי מֶען דַאוֶוענְט בַּאקוּמְט מֶען פַּרְנָסָה. וְזֶה פֵּרוּשׁ און דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים צ"ט, ז): 'שָׁמְרוּ עֵדֹתָיו וְחֹק נָתַן לָמוֹ' [זֵיי הָאבְּן גֶעהִיטְן זַיינֶע עֵדוּת, און דֶער גֶעזֶעץ וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן צוּ זֵיי], טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי, 'עֵדוּת' די וָוארְט 'עֵדוּת' – זֶה תְּפִלָּה מֵיינְט אויךְ תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם קכ"ב, ד): 'שִׁבְטֵי קָהּ' די שְׁבָטִים פונֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'עֵדוּת' וָואס זֶענֶען עֵדוּת, 'לְיִשְׂרָאֵל' פַאר די אִידְן, 'לְהֹדוֹת לְשֵׁם ה'' צוּ לוֹיבְּן דֶעם נָאמֶען פונֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֶעט מֶען פון דֶעם אַז די וָוארְט 'עֵדוּת' הָאט אַ שַׁיְּכוּת מִיט

לוֹיבְּן אוּן דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גַּם אוּן נָאךְ אַ רְאָיָ' אַז 'עֵדוּת' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף 'תְּפִלָּה', אָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שְׁבוּעוֹת ל.): 'אֵין עֵדוּת אֶלָּא בַּעֲמִידָה' וֶוען מֶען זָאגְט עֵדוּת בַּיים בֵּית דִּין דַארְפְן דִי עֵדוּת שְׁטֵיין, אוּן אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר גֶעזָאגְט וַעֲמִידָה זֶה תְּפִלָּה מֵיינְט דִי וָוארְט 'עֲמִידָה' - 'תְּפִלָּה', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים קו, ל): 'וַיַּעֲמֹד פִּינְחָס וַיְפַלֵּל', פִּנְחָס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעדַאוֶוענְט. אוּן פַארְוָואס טַאקֶע אִיז 'תְּפִלָּה' אַזוֹי וִוי זָאגְן 'עֵדוּת'? שֶׁאָנוּ מְעִידִין עַל אַחְדוּתוֹ וַוייל מִיטְן דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז דָאס אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן עֵדוּת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אִיז אַלֶעס, נָאר עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, וּכְפִי שֶׁמְּפַרְנֵס לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם בִּתְפִלָּתוֹ אוּן לוֹיט וִויפִיל פַּרְנָסָה עֶר גֶעבְּט פַארְן טַאטְן אִין הִימְל מִיט זַיין דַאוֶוענֶען - כֵּן נוֹתְנִין לוֹ פַּרְנָסָתוֹ אַזוֹיפִיל גֶעבְּט מֶען אִים פַּרְנָסָה. וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ח:): 'בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד' וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ, 'בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ' אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ מִיט אִים, אוּן דָאס פִירְט דֶער פָּסוּק אוֹיס, 'וְחֹק נָתַן לָמוֹ' אוּן חֹק מֵיינְט 'שְׁפַּייז'; דוּרְךְ 'שָׁמְרוּ עֵדֹתָיו' דַאוֶוענֶען, וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן עֵדוּת - 'וְחֹק נָתַן לָמוֹ' בַּאקוּמְט מֶען פַּרְנָסָה.

**וְזֶה** אוּן דָאס אִיז וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן: 'קָשִׁין מְזוֹנוֹתָיו' עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ גֶעבְּן פַּרְנָסָה פַארְן מֶענְטְשׁ - 'כִּקְרִיעַת יַם סוּף' אַזוֹי וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, הַיְנוּ דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן מְזוֹנוֹת נִתְחַלֵּק לִשְׁנֵים עָשָׂר שְׁבִילִים דִי פַּרְנָסָה אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין תְּפִלָּה וָואס וֶוערְט צוּטֵיילְט אוֹיף צְוֶועלְף, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיים שְׁפַּאלְטְן דֶעם יַם סוּף, וָואס דִי יַם אִיז צוּטֵיילְט גֶעוָוארְן לְפִי שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה שִׁבְטֵי קָהּ לוֹיט דִי צְוֶועלְף שְׁבָטִים, וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי צְוֶועלְף נֻסְחָאוֹת פוּן תְּפִלָּה; וַוייל לוֹיט וִוי סַאךְ כֹּחַ דֶער מֶענְטְשׁ לֵייגְט אַרַיין אִין תְּפִלָּה - אַזוֹי אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ צוּ זִיךְ זַיין פַּרְנָסָה.

**וְצָרִיךְ** לָזֶה זְכוּת גָּדוֹל אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן צוּ דֶעם אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת שֶׁיִּזְכֶּה אָדָם אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זוֹכֶה זַיין לְהַעֲלוֹת תְּפִלָּתוֹ אַרוֹיפְצוּטְרָאגְן זַיינֶע תְּפִלּוֹת דֶּרֶךְ שַׁעַר דוּרְךְ דִי טוֹיעֶר הַשַּׁיָּךְ לְשִׁבְטוֹ וָואס בַּאלַאנְגְט צוּ זַיין שֵׁבֶט; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אַ זְכִיָּה צוּ קֶענֶען אָפְּמַאכְן בַּיי זִיךְ 'וואוּ אִיז מַיין פְּלַאץ? וָואס ווִיל אִיךְ? וואוּ גֶעהֶער אִיךְ?' וָואס

לְשֵׁם ה'". **גַּם אָמְרוּ** חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שְׁבוּעוֹת ל.): 'אֵין עֵדוּת אֶלָּא בַּעֲמִידָה'; וַעֲמִידָה זֶה תְּפִלָּה, שֶׁאָנוּ מְעִידִין עַל אַחְדוּתוֹ. וּכְפִי שֶׁמְּפַרְנֵס לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם בִּתְפִלָּתוֹ, כֵּן נוֹתְנִין לוֹ פַּרְנָסָתוֹ. וְזֶה: 'קָשִׁין מְזוֹנוֹתָיו כִּקְרִיעַת יַם־סוּף', הַיְנוּ מְזוֹנוֹת נִתְחַלֵּק לִשְׁנֵים־עָשָׂר שְׁבִילִים, לְפִי שְׁתֵּים־עֶשְׂרֵה שִׁבְטֵי יָהּ.

**וְצָרִיךְ** לָזֶה זְכוּת גָּדוֹל, שֶׁיִּזְכֶּה אָדָם לְהַעֲלוֹת תְּפִלָּתוֹ דֶּרֶךְ שַׁעַר הַשַּׁיָּךְ לְשִׁבְטוֹ.

דָאס אִיז דִי פְּרָאבְּלֶעם בַּיי רוֹב מֶענְטְשְׁן, זַיי וֵוייסְן פָּשׁוּט נִישְׁט וָואס זַיי ווִילְן אוּן וואוּ זַיי גֶעהֶערְן, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בַּיי זִיךְ אָפְּמַאכְן 'וָואס ווִיל אִיךְ? וֶוער בִּין אִיךְ? אוּן וואוּ גֶעהֶער אִיךְ?' אוּן אַזוֹי וֶועלְן זַיינֶע תְּפִלּוֹת אָנְקוּמֶען אִין רִיכְטִיגְן פְּלַאץ, אוּן וִויבַּאלְד רוֹב מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס זַיי ווִילְן, אוּן וואוּ זַיי גֶעהֶערְן - וֵוייסְן זַיי נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ דַאוֶוענֶען.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז בַּיי יוּנְגֶע אוּן אַלְטֶע, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט בָּחוּרִים אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס וַוייטֶער מִיט אִינְגֶעלַייט אוּן עֶלְטֶערֶע, זַיי גֵייעֶן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן פְּלַאץ, פוּן אֵיין גוּטֶער אִיד צוּם צְוֵוייטְן גוּטֶער אִיד, זַיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט צַאמְקְלוֹיבְּן אוּן בַּיים סוֹף הָאבְּן זַיי אַ פָּנִים וִוי דִי קֶעלְבְּל וָואס זֵייגְט פוּן אַפָּאר מַאמֶעס וָואס וֶוערְט קְרַאנְק אוּן קְרֶעצִיג, מֶען לוֹיפְט צוּ אֵיין פְּלַאץ וַוייל מֶען זֶעט אַז דָארְט אִיז דָא אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן - ווִיל מֶען דָארְט אַרַיינְשְׁטֶעקְן דִי קָאפּ, שְׁפֶּעטֶער גֵייט מֶען צוּ אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ וַוייל דָארְט צִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ בְּלַייבְּט וַוייטֶער מִיט זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר קֶען זִיךְ קֵיין עֵצָה נִישְׁט גֶעבְּן, עֶר גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט זַיין פְּלַאץ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן דָאס לָאזְט אִים נִישְׁט דַאוֶוענֶען. בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז פִּינְקְטְלִיךְ וָואס מִיר הָאבְּן צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן

וְזֶה שֶׁאָמַר אַבָּא בִּנְיָמִין (בְּרָכוֹת ה:): 'כָּל יָמַי הָיִיתִי מִצְטַעֵר עַל שְׁנֵי דְבָרִים: עַל תְּפִלָּתִי שֶׁתְּהֵא סָמוּךְ לְמִטָּתִי' — הַיְנוּ כַּנַּ"ל, שֶׁיִּתְפַּלֵּל דֶּרֶךְ שַׁעַר הַמַּטֶּה שֶׁלּוֹ, כִּי יֵשׁ שְׁנֵים־עָשָׂר מַטּוֹת, וְכָל אֶחָד יֵשׁ לוֹ שַׁעַר מְיֻחָד, וְהִתְפַּלֵּל עַל שֶׁלֹּא

לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת הוֹיבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן וֶועלְן נָאר אֵיין זַאךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן וֶועלְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וְזֶה שֶׁאָמַר אַבָּא בִּנְיָמִין אוּן דָאס אִיז וָואס אַבָּא בִּנְיָמִין הָאט גֶעזָאגְט (בְּרָכוֹת ה:): 'כָּל יָמַי' אַלֶע מַיינֶע טֶעג 'הָיִיתִי מִצְטַעֵר' הָאבּ אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן 'עַל שְׁנֵי דְבָרִים' אוֹיף צְוַויי זַאכְן, 'עַל תְּפִלָּתִי' אוֹיף מַיין דַאוֶוענֶען 'שֶׁתְּהֵא סָמוּךְ לְמִטָּתִי' עֶס זָאל זַיין נָאנְט צוּ מַיין בֶּעט, אוּן דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ 'וְעַל מִטָּתִי שֶׁתְּהֵא נְתוּנָה בֵּין צָפוֹן לְדָרוֹם', אוֹיף מַיין בֶּעט עֶס זָאל לִיגְן צְווִישְׁן צָפוֹן זַייט אוּן דָרוֹם זַייט. בִּפְשְׁטוּת זָאגְט רַשִׁ"י, עֶר הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן צוּ דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ בַּיים אוֹיפְשְׁטֵיין, אוּן נִישְׁט גֶעטוּן קֵיין אַרְבֶּעט אֵיידֶער עֶר הָאט דַאוֶוענְט, דֶער רֶבִּי גֵייט דָא צוּלֵייגְן נָאךְ אַ פְּשַׁט, הַיְנוּ כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אַבָּא בִּנְיָמִין הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן שֶׁיִּתְפַּלֵּל צוּ דַאוֶוענֶען דֶּרֶךְ שַׁעַר הַמַּטֶּה שֶׁלּוֹ אוֹיף דִי וֶועג וָואס פִירְט צוּ דִי טוֹיעֶר פוּן זַיין שֵׁבֶט, כִּי יֵשׁ שְׁנֵים עָשָׂר מַטּוֹת וַוייל עֶס אִיז פַארְהַאן צְוֶועלְף שְׁבָטִים, וְכָל אֶחָד יֵשׁ לוֹ שַׁעַר מְיֻחָד אוּן יֶעדֶע שֵׁבֶט הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע טוֹיעֶר, יֶעדֶע שֵׁבֶט הָאט זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי זַיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְהִתְפַּלֵּל אוֹיף דֶעם הָאט אַבָּא בִּנְיָמִין גֶעבֶּעטְן דֶעם

אייבערשטן, עַל שֶׁלֹּא תִּתְרַחֵק תְּפִלָּתוֹ מִמַּטֶּה שֶׁלּוֹ אַז זַיינֶע תְּפִלּוֹת זָאלְן נִישְׁט דֶערְוַוייטֶערְט ווערן פוּן זַיין שֵׁבֶט, דִי תְּפִלּוֹת זָאלְן אָנְקוּמֶען וואוּ עֶס דַארְף אָנְצוּקוּמֶען, דִי שׁוֹרֶשׁ פוּן דִי ווָארְט 'מִטָּה' (בֶּעט) אִיז דִי זֶעלְבֶּע שׁוֹרֶשׁ פוּן דִי ווָארְט 'מַטֶּה' אַ שֵׁבֶט; דָאס טַייטְשְׁט 'עַל תְּפִלָּתִי שֶׁתְּהֵא סָמוּךְ לְמִטָּתִי' דִי לָשׁוֹן פוּן 'מַטֶּה' זַיין שֵׁבֶט.

וְזֶה לְשׁוֹן מַטֶּה און

פארוואס האט אבא בנימין אָנְגֶעכַאפְּט דִי לָשׁוֹן פוּן 'מַטֶּה' און נִישְׁט דִי לָשׁוֹן פוּן שֵׁבֶט? נָאר עֶר הָאט גֶעוָואלְט מְרַמֵּז זַיין נָאךְ צְוֵויי זַאכְן ווָאס זֶענֶען מְרוּמָּז אִינֶעם ווָארְט 'מַטֶּה'; זִוּוּג (שָׁלוֹם בַּיִת) און פַּרְנָסָה, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אייבערשטן אויף שָׁלוֹם בַּיִת און אויף פַּרְנָסָה; ווָאס דִי צְוֵויי זֶענֶען זַאכְן אויף ווָאס מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אייבערשטן, ווַייל דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִי צְוֵויי זַאכְן, נָאר מִיט שָׁלוֹם בַּיִת און מִיט פַּרְנָסָה קֶען מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה בִּקְדוּשָּׁה און מִיט טָהֳרָה. אָן חֲתוּנָה הָאבְן, און אַזוֹי אויךְ אָן שָׁלוֹם בַּיִת – קֶען מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא עב:): 'הַלּוֹמֵד תּוֹרָה בְּטָהֳרָה' דֶער ווָאס ווִיל לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, 'נוֹשֵׂא אִשָּׁה' זָאל חֲתוּנָה הָאבְן, 'וְאַחַר כָּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה' און אַזוֹי ווֶעט עֶר קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת.

תִּתְרַחֵק תְּפִלָּתוֹ מִמַּטֶּה שֶׁלּוֹ. וְזֶה לְשׁוֹן מַטֶּה, כִּי מַטֶּה לְשׁוֹן זִוּוּג, כַּמַּאֲמָר הַסָּמוּךְ: עַל מִטָּתִי שֶׁתְּהֵא נְתוּנָה וְכוּ', וּמִטָּה הוּא בְּחִינַת זִוּוּג. גַּם מַטֶּה הִיא בְּחִינַת פַּרְנָסָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (וַיִּקְרָא כ"ו): "בְּשִׁבְרִי לָכֶם

אַזוֹי אויךְ דַארְף זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, ווַייל אויב מֶען קְרִיגְט זִיךְ הָאט מֶען נִישְׁט קֵיין שְׁמִירָה. און דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט פַּרְנָסָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ב): 'יָפֶה תַּלְמוּד תּוֹרָה עִם דֶּרֶךְ אֶרֶץ' עֶס אִיז גוּט פַארן מֶענְטְשׁ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה און אויךְ הָאבְן אַ פַּרְנָסָה, 'שֶׁיְּגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת עָוֹן' ווַייל מִיט דִי בֵּיידֶע זַאכְן ווֶעט עֶר נִישְׁט טוּן קֵיין עֲבֵירוֹת; אויף דִי צְוֵויי זַאכְן הָאט אַבָּא בִּנְיָמִין גֶעבֶּעטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, כִּי מַטֶּה ווַייל דִי ווָארְט 'מַטֶּה' ווָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע שׁוֹרֶשׁ ווִי דִי ווָארְט 'מִטָּה' (בֶּעט) – לְשׁוֹן זִוּוּג דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן ווָאס מֶען נוּצְט אויף חֲתוּנָה הָאבְן, וואוּ זֶעט מֶען אַז 'מִטָּה' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן חֲתוּנָה הָאבְן? כַּמַּאֲמָר הַסָּמוּךְ אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט בַּיי דִי צְווייטֶע זַאךְ ווָאס עֶר הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן, 'עַל מִטָּתִי שֶׁתְּהֵא נְתוּנָה' וְכוּ' מַיין בֶּעט זָאל לִיגְן צְווִישְׁן דָּרוֹם זַייט און צָפוֹן זַייט, וּמִטָּה הוּא בְּחִינַת זִוּוּג ווָאס דָאס אִיז מְרַמֵּז אויף זִיוּוּג, אַזוֹי ווִי דִי גְּמָרָא זָאגְט (דָארְט): 'כָּל הַנּוֹתֵן מִטָּתוֹ בֵּין צָפוֹן לְדָרוֹם' דֶער ווָאס לֵייגְט זַיין בֶּעט צְווִישְׁן דָּרוֹם און צָפוֹן – ווֶעט זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים זְכָרִים, עַיֵּין שָׁם. גַּם מַטֶּה אויךְ אִיז דָאס ווָארְט 'מַטֶּה' ווָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע שׁוֹרֶשׁ ווִי דִי ווָארְט 'מִטָּה' (ווִי דֶערְמַאנְט פְרִיעֶר) – הִיא בְּחִינַת פַּרְנָסָה מְרַמֵּז אויף פַּרְנָסָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וַיִּקְרָא כ"ו, כו): 'בְּשִׁבְרִי לָכֶם מַטֵּה לֶחֶם' [אִיךְ ווֶעל

מַטֵּה לֶחֶם", כִּי שְׁנֵים-עָשָׂר מַטּוֹת גּוֹרְמִין זִוּוּג וּמְפַרְנְסִין כַּנַּ"ל: 'קָשֶׁה זִוּוּגָן וְקָשִׁין מְזוֹנוֹתָיו' וְכוּ'. גַּם הִתְפַּלֵּל עַל שִׁבְטוֹ, שֶׁיִּזְכּוּ לִשְׁנֵי שֻׁלְחָנוֹת. וְזֶהוּ: 'וְעַל מִטָּתִי שֶׁתְּהֵא נְתוּנָה בֵּין צָפוֹן לְדָרוֹם', וְאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא בַּתְרָא כה:): 'הָרוֹצֶה לְהַחְכִּים וְכוּ', הָרוֹצֶה לְהַעֲשִׁיר' וְכוּ'.

ענק צעברעכן ענקער אנלאנער פון ברויט, איך וועל אוועק נעמען די עסן], זעט מען אז 'מַטֶּה' וואס איז די זעלבע שורש ווי 'מִטָּה' - איז מְרַמֵּז אויף פַּרְנָסָה, כִּי שְׁנֵים עָשָׂר מַטּוֹת וויל אז מען איז זוכה אז די תְּפִלָּה זאל ארייננגיין צו די ריכטיגע טויער פונעם שֵׁבֶט וואס ווערט אנגערופן מַטֶּה, גּוֹרְמִין זִוּוּג ווערט א זיווג פון אייבערשטן מיט די שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, וּמְפַרְנְסִין און אויך איז מען מְפַרְנֵס אֲבִיהֶן שֶׁבַּשָּׁמַיִם, כַּנַּ"ל אזוי ווי אויבן אויסגעשמועסט, מִמֵּילָא איז מען זוכה - מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה - צו די צְוֵויי זאכן וואס ווערן אנגערופן מיטן זעלבן נאמען, 'מַטֶּה' - לֶחֶם, און 'מִטָּה' - זיווג. וואס די צְוֵויי זאכן זענען געקנופט און געבינדן, אזוי ווי מען זעט אַז די הייליגע חֲכָמִים שטעלן צאם די צְוֵויי זאכן צוזאמען, אזוי ווי די גְּמָרָא זאגט 'קָשֶׁה זִוּוּגָן' עס איז שווער דאס טרעפן א שידוך און האבן שָׁלוֹם בַּיִת, 'וְקָשִׁין מְזוֹנוֹתָיו' און אזוי אויך איז שווער צו געבן פַּרְנָסָה פארן מענטש וְכוּ' - [כִּקְרִיעַת יַם סוּף], און די צְוֵויי זאכן זענען אנגעהאנגען אין תְּפִלָּה, וואס איז אזוי ווי קְרִיעַת יַם סוּף.

גַּם הִתְפַּלֵּל נאך האט אַבָּא בִּנְיָמִין געבעטן דעם אייבערשטן עַל שִׁבְטוֹ אויף זיין שֵׁבֶט שֶׁיִּזְכּוּ לִשְׁנֵי שֻׁלְחָנוֹת אז זיי זאלן זוכה זיין צו צְוֵויי שֻׁלְחָנוֹת, דאס מיינט סיי תּוֹרָה און סיי עֲשִׁירוּת. ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאגן (בְּרָכוֹת ה:): 'לֹא כָּל אָדָם זוֹכֶה לִשְׁתֵּי שֻׁלְחָנוֹת' נישט יעדער איז זוכה צו שְׁתֵּי שֻׁלְחָנוֹת, צו האבן סיי תּוֹרָה און סיי רייכקייט, וְזֶהוּ און דאס איז מְרוּמָז אין די ווערטער וואס אַבָּא בִּנְיָמִין זאגט, נאך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן: 'וְעַל מִטָּתִי שֶׁתְּהֵא נְתוּנָה בֵּין צָפוֹן לְדָרוֹם' אויף מיין בעט עס זאל ליגן צווישן צָפוֹן זייט און דָּרוֹם זייט, דאס הייסט אז זיינע דורות זאלן זוכה זיין צו זיין 'תַּלְמִידֵי חֲכָמִים' און אויך האבן 'רייכקייט'; 'וְעַל מִטָּתִי' - דאס זענען זיינע קינדער און אייניקלעך, 'שֶׁתְּהֵא נְתוּנָה בֵּין צָפוֹן' - עס זאל ליגן צווישן 'צָפוֹן' וואס ווייזט אויף רייכקייט, 'לְדָרוֹם' - דאס ווייזט אויף תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וְאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אזוי ווי די הייליגע חֲכָמִים זאגן (בָּבָא בַּתְרָא כה:): 'הָרוֹצֶה לְהַחְכִּים' ווער עס וויל זוכה זיין צו לערנען - וְכוּ' זאל דאווענען צו דָּרוֹם זייט וועלט, 'הָרוֹצֶה לְהַעֲשִׁיר' און ווער עס וויל זיין רייך - וְכוּ' זאל דאווענען צו צָפוֹן זייט וועלט, אויף דעם האט אַבָּא בִּנְיָמִין געבעטן אז זיין 'מִטָּה' (זיינע קינדער) וואס איז די זעלבע ווארט פון 'מַטֶּה' - זאל ליגן צווישן (זאלן זוכה זיין) צָפוֹן (צו זיין רייך) און דָּרוֹם (און זיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים).

**וְיַעֲקֹב** שֶׁהוּא כָּלוּל כָּל הַשְּׁנֵים־עָשָׂר שְׁבָטִים, וְהָיָה יוֹדֵעַ כָּל מַטֶּה וּמַטֶּה בְּשָׁרְשׁוֹ — בִּשְׁבִיל זֶה כְּתִיב בֵּהּ (בְּרֵאשִׁית מ"ט): "וַיֶּאֱסֹף יַעֲקֹב רַגְלָיו אֶל הַמִּטָּה". 'רַגְלָיו' — זֶה בְּחִינַת תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים פ"ה): "צֶדֶק לְפָנָיו יְהַלֵּךְ", הַיְנוּ, שֶׁהָיָה מְאַסֵּף כָּל הַתְּפִלּוֹת, כָּל אַחַת לְשָׁרְשָׁהּ.

**גַּם** הָיָה כֹּחַ בְּיָדוֹ לִתֵּן חֵלֶק מֵחֶלְקֵי עוֹלָם לְיוֹסֵף, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית מ"ח): "וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם אַחַד עַל אַחֶיךָ"

**וְיַעֲקֹב** און יַעֲקֹב אָבִינוּ **שֶׁהוּא כָּלוּל כָּל הַשְּׁנֵים עָשָׂר שְׁבָטִים** וואס פון אים קומֶען אַרויס די צְוועלְף שְׁבָטִים, **וְהָיָה יוֹדֵעַ** און ער האט זיכֶער געוואוּסְט **כָּל מַטֶּה וּמַטֶּה בְּשָׁרְשׁוֹ** די וועג פון יעדע שֵׁבֶט ווי אַזוֹי זיי דינען דעם אייבערשטן, ביז זייער שׁוֹרֶשׁ, **בִּשְׁבִיל זֶה** דעריבער **כְּתִיב בֵּהּ** שטייט ביי אים אין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ"ט, לג): **'וַיֶּאֱסֹף יַעֲקֹב רַגְלָיו אֶל הַמִּטָּה'** [יַעֲקֹב האט אַריינגעבְרענגְט זיינע פיס אין בעט], טַייטְשְׁט דער רֶבִּי **'רַגְלָיו'** זיינע פיס **זֶה בְּחִינַת** דָאס מיינט מען **תְּפִלָּה** דָאס דאווענען; ווי זעען מיר אַז דאווענען ווערט אָנגערופן פיס? **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עס שטייט אין פָּסוּק (תְּהִלִּים פ"ה, יד): **'צֶדֶק לְפָנָיו יְהַלֵּךְ'** [די צְדָקָה וואס די אידן טוען גייט פאַרן אייבערשטן, 'וְיָשֵׂם לְדֶרֶךְ פְּעָמָיו' און דער אייבערשטער לייגט דָאס פאַר זיין וועג, זיך צו פירן לויט דעם מיט די אידן], טַייטְשְׁט דער רֶבִּי, 'צֶדֶק' דָאס מיינט מען דאווענען, אַזוֹי ווי מיר געפינען, די הייליגע חֲכָמִים זאָגן (בְּרָכוֹת יד.) מען טָאר נִישְׁט טון קיין מְלָאכָה איידער מען דאווענט, אַזוֹי ווי עס שטייט אין פָּסוּק: 'צֶדֶק לְפָנָיו יְהַלֵּךְ' ערשט דארף אַ מענטש דאווענען, און נאָכְדעם - 'וְיָשֵׂם לְדֶרֶךְ פְּעָמָיו' קען ער גיין אויף זיין וועג; זעט מען אַז 'צֶדֶק' דָאס דאווענען - 'לְפָנָיו יְהַלֵּךְ' ווערט אָנגערופן פיס; **הַיְנוּ** דָאס איז פְּשַׁט אין פָּסוּק 'וַיֶּאֱסֹף יַעֲקֹב רַגְלָיו אֶל הַמִּטָּה', **שֶׁהָיָה מְאַסֵּף כָּל הַתְּפִלּוֹת** ער האט צאַמגענומען אַלע תְּפִלּוֹת פון אַלע זיינע קינדער, פון אַלע שְׁבָטִים, **כָּל אַחַת** יעדער איינער מיט זיין נוסח - **לְשָׁרְשָׁהּ** צו זיין שׁוֹרֶשׁ, לויט די וועג ווי אַזוֹי זיי דאווענען און ווי זיי פירן זיך.

**גַּם הָיָה כֹּחַ בְּיָדוֹ** אויך האט יַעֲקֹב אָבִינוּ געהאט די כֹּחַ אין זיין האנט **לִתֵּן חֵלֶק מֵחֶלְקֵי עוֹלָם** צו געבן אַ חֵלֶק פון די וועלט **לְיוֹסֵף** פאַר זיין זון יוֹסֵף; ווייל ווען אַ מענטש שטעלט זיך דאווענען צום אייבערשטן, ווערט די גאַנצע וועלט אונטערגעוואָרפן אונטער אים, און די גאַנצע וועלט שעפּט חיות פון אים, ביז דער מענטש האט די כֹּחַ צו קענען איינטיילן די וועלט ווי אַזוֹי ער וויל, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עס שטייט אין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ"ח, כב): **'וַאֲנִי'** און איך יַעֲקֹב אָבִינוּ **'נָתַתִּי לְךָ'** געב פאַר דיר **'שְׁכֶם'** די שטאָט שְׁכֶם, **'אַחַד עַל אַחֶיךָ'** איין טייל מער פון דיינע בְּרידער, וְכוּ' 'אֲשֶׁר לָקַחְתִּי' וואס איך האב אַוועק גענומען, 'מִיַּד הָאֱמֹרִי' פון דער האנט פון אֱמוֹרִי, 'בְּחַרְבִּי' מיט מיין

**וְכוּ', כִּי עַל־יְדֵי תְּפִלָּתוֹ הָיָה מַשְׁפִּיעַ חִיּוּת לְכָל שְׁלֹשָׁה חֶלְקֵי עוֹלָם, שֶׁהֵם עוֹלָם הַשָּׁפָל וְעוֹלָם הַכּוֹכָבִים וְעוֹלָם הַמַּלְאָכִים.**

**וְזֶה: שְׁכֶ"ם — שָׁפָל, כּוֹכָב, מַלְאָךְ, כִּי כָּל זֶה זָכָה עַל־יְדֵי תְּפִלָּתוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם): "אֲשֶׁר לָקַחְתִּי מִיַּד וְכוּ' בִּתְפִלָּתִי וּבַקָּשָׁתִי":**

שֶׁווֶערְד 'וּבְקַשְׁתִּי' אוּן מִיט מַיין בּוֹיגְן; דֶער רֶבִּי גֵייט יֶעצְט גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין ווי אַזוֹי הָאט טַאקֶע יַעֲקֹב גֶעקֶענְט גֶעבְּן אַ חֵלֶק פוּן די וֶועלְט פַאר יוֹסֵף? אִיז דֶער רֶבִּי מַסְבִּיר אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין די וָוארְט 'שְׁכֶם', כִּי עַל יְדֵי תְּפִלָּתוֹ וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָיָה מַשְׁפִּיעַ טוּט עֶר בְּרֶענְגֶען חִיּוּת אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט – לְכָל שְׁלֹשָׁה חֶלְקֵי עוֹלָם פַאר אַלֶע דְרֵיי טֵיילְן פוּן די וֶועלְט; די וֶועלְט אִיז אֵיינְגֶעטֵיילְט אִין דְרֵיי, שֶׁהֵם זֵיי זֶענֶען – עוֹלָם הַשָּׁפָל אוּנְזֶער וֶועלְט וָואוּ מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ, דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן די נִידְרִיגֶע וֶועלְט, וַוייל דָאס אִיז די נִידְרִיגְסְטֶע פוּן אַלֶע וֶועלְטְן, וְעוֹלָם הַכּוֹכָבִים אוּן הֶעכֶער די וֶועלְט אִיז די וֶועלְט פוּן די שְׁטֶערְנְס אוּן פְּלַאנֶעטְן, וְעוֹלָם הַמַּלְאָכִים אוּן הֶעכֶער די וֶועלְט פוּן די שְׁטֶערְנְס אִיז די וֶועלְט פוּן די מַלְאָכִים, אוּן וֶוען מֶען דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט מֶען כֹּחַ פַאר אַלֶע וֶועלְטְן.

**וְזֶה** אוּן דָאס אִיז מְרוּמָז אִין די וָוארְט שְׁכֶ"ם שְׁכֶ"ם, עֶס אִיז די רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שָׁ'פָל כּ'וֹכָב מַ'לְאָךְ, די דְרֵיי וֶועלְטְן אוֹיף וָואס אַ אִיד טוּט גֶעוֶועלְטִיגְן מִיט זַיין תְּפִלָּה, כִּי כָּל זֶה זָכָה יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף זֵיי עַל יְדֵי תְּפִלָּתוֹ דוּרְךְ דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם): 'אֲשֶׁר לָקַחְתִּי מִיַּד' וָואס אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן דֶער הַאנְט וְכוּ' הָאֱמֹרִי' פוּן אֱמוֹרִי, 'בְּחַרְבִּי' מִיט מַיין שְׁוֶוערְד 'וּבְקַשְׁתִּי' אוּן מִיט מַיין בּוֹיגְן, אוּן וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא קכג.) מֶען מֵיינְט נִישְׁט אַ גֶעוֶועגְלִיכֶע שְׁוֶוערְד אוּן פַּיילְן בּוֹיגְן, נָאר 'בִּתְפִלָּתִי וּבַקָּשָׁתִי' יַעֲקֹב אָבִינוּ'ס פַּייל אוּן בּוֹיגְן אִיז תְּפִלָּה, אַזוֹי וִוי דֶער תַּרְגּוּם זָאגְט: 'בִּצְלוֹתִי וּבְבָעוּתִי' מִיט מַיין תְּפִלָּה אוּן מַיין גֶעבֶּעט. [וֶוען מֶען דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אִיז מֶען מְקַשֵּׁר צוּ תְּפִלָּה – הוֹיבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן פַארְשְׁטֵיין אַז אוֹיךְ די עוֹלָם הַשָּׁפָל הָאט הֶעכֶער זִיךְ אַ שְׁטֶערְן אוּן אַ מַלְאָךְ, עֶס פִּירְט זִיךְ נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, עֶס גֵייט אַלֶעס מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אוֹיךְ** לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַן עוֹלָם קָטָן, אֲפִילוּ אַזַא אֵיינֶער וָואס אִיז עוֹלָם הַשָּׁפָל, עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף אֱמוֹרִי, בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי, מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת – וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען שְׁכֶ"ם, עֶר וֶועט וֶוערְן אוֹיס שָׁפָל, עֶר וֶועט וֶוערְן דֶערְהוֹיבְּן בִּיז עוֹלָם הַכּוֹכָבִים, אוּן בִּיז עוֹלָם הַמַּלְאָכִים, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק].

ג אֲבָל כְּשֶׁאָדָם עוֹמֵד לְהִתְפַּלֵּל, אֲזַי בָּאִים מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת וּקְלִפּוֹת וּמְסַבְּבִין אוֹתוֹ, וְנִשְׁאָר בַּחשֶׁךְ וְאֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (אֵיכָה ג): "סַכֹּתָ בֶעָנָן לָךְ מֵעֲבוֹר תְּפִלָּה", וּכְתִיב (תְּהִלִּים י"ב): "סָבִיב רְשָׁעִים יִתְהַלָּכוּן", שֶׁהָרְשָׁעִים, הַיְנוּ הַקְּלִפּוֹת, מְסַבְּבִין אוֹתוֹ. 'כְּרֻם זֻלֻּת' — הַיְנוּ בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, 'שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם' (בְּרָכוֹת ו:).

**בִּיז** אַהֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעווִיזְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן תְּפִלָּה, אַז דִי גַאנְצֶע חִיוּת בַּאקוּמְט מֶען דוּרְךְ תְּפִלָּה, אוּן אַז דוּרְךְ תְּפִלָּה אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ שֶׁפַע, בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; וָואלְט מֶען וֶוען גֶעדַארְפְט זֶען ווִי אַלֶע דַאוֶוענֶען אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, לְמַעֲשֶׂה זֶעט מֶען פַארְקֶערְט, מֶען זֶעט ווִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין תְּפִלָּה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:). שְׁטֶעלְט זִיךְ דִי פְרַאגֶע, פַארְוָואס טַאקֶע אִיז אַזוֹי? גֵייט יֶעצְט דֶער רֶבִּי עֶרְקְלֶערְן דֶעם עִנְיָן.

**זָאגְט** דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי: **אֲבָל** אָבֶער ווִיסְן זָאלְסְטוּ, **כְּשֶׁאָדָם עוֹמֵד לְהִתְפַּלֵּל** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען **אֲזַי בָּאִים מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת** דֶעמָאלְט קוּמֶען צוּ אִים שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, **וּקְלִפּוֹת** אוּן דִי קְלִיפּוֹת וָואס זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת, **וּמְסַבְּבִין אוֹתוֹ** אוּן נֶעמֶען אִים אַרוּם **וְנִשְׁאָר בַּחשֶׁךְ** אוּן עֶר בְּלַייבְּט אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, **וְאֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל** אוּן דָאס לָאזְט אִים נִישְׁט דַאוֶוענֶען, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אֵיכָה ג, מד): 'סַכֹּתָ בֶעָנָן לָךְ מֵעֲבוֹר תְּפִלָּה' [הָאסְט זִיךְ בַּאדֶעקְט מִיט אַ וָואלְקְן אַז דִי תְּפִלָּה זָאל נִישְׁט דוּרְכְגֵיין], **וּכְתִיב** אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים י"ב, ט): '**סָבִיב רְשָׁעִים יִתְהַלָּכוּן**' דִי רְשָׁעִים גֵייעֶן אַרוּם דִי צַדִּיקִים; דִי פָּסוּק זָאגְט **שֶׁהָרְשָׁעִים** אַז דִי רְשָׁעִים **הַיְנוּ הַקְּלִפּוֹת** דָאס מֵיינְט מֶען דִי קְלִיפּוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן - **מְסַבְּבִין אוֹתוֹ** נֶעמֶען אִים אַרוּם אִים צוּ שְׁטֶערְן, שְׁטֵייט ווַייטֶער אִין פָּסוּק: '**כְּרֻם זֻלֻּת לִבְנֵי אָדָם**' זֵיי ווִילְן אַיינְשְׁלִינְגֶען דִי צַדִּיקִים אַזוֹי אַ ווִילְדְער פַארְצִיקְט אַ מֶענְטְשׁ, **הַיְנוּ** אוּן ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ'עֶנֶען (בְּרָכוֹת, שָׁם) דֶעם פָּסוּק: 'כְּרֻם' עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס זֶענֶען 'בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם' פוּן דִי הֶעכְסְטֶע זַאכְן אִין דִי וֶועלְט, 'וּמַאי נִיהוּ' אוּן וָואס אִיז דָאס? 'תְּפִלָּה', 'זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם' אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אִין אִיר מְזַלְזֵל, אוּן דֶער רֶבִּי דַרְשְׁ'נְט דִי גַאנְצֶע פָּסוּק אִינְאֵיינֶעם, 'סָבִיב רְשָׁעִים יִתְהַלָּכוּן' דִי קְלִיפּוֹת נֶעמֶען אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶוען נֶעמֶען זֵיי אִים אַרוּם? **בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה** בַּיים דַאוֶוענֶען, זֵיי שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דַאוֶוענֶען, '**שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם**' (בְּרָכוֹת ו:) וָואס דַאוֶוענֶען אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ אִין דִי וֶועלְט, אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

**וְדַע** שֶׁיֵּשׁ פְּתָחִים הַרְבֵּה בַּחֹשֶׁךְ הַזֶּה לָצֵאת מִשָּׁם, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יוֹמָא לח:): 'הַבָּא לִטָּמֵא, פּוֹתְחִין לוֹ — יֵשׁ לוֹ פְּתָחִים הַרְבֵּה' *); נִמְצָא, שֶׁיֵּשׁ פְּתָחִים הַרְבֵּה בַּחֹשֶׁךְ גַּם לָצֵאת מִשָּׁם. אֲבָל הָאָדָם הוּא עִוֵּר וְאֵין יוֹדֵעַ לִמְצֹא הַפֶּתַח.

**וְדַע** שֶׁעַל־יְדֵי אֱמֶת זוֹכֶה לִמְצֹא הַפֶּתַח, כִּי עִקַּר אוֹר הַמֵּאִיר הוּא הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים כ"ז): "ה' אוֹרִי וְיִשְׁעִי"; וְעַל־יְדֵי

**וְדַע** אָבֶער אֲפִילוּ אַזַא אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אִין די פִינְסְטֶערְנִישׁ, דַארְף ווִיסְן **שֶׁיֵּשׁ פְּתָחִים הַרְבֵּה בַּחֹשֶׁךְ הַזֶּה לָצֵאת מִשָּׁם** אַז אוֹיךְ אִין די פִינְסְטֶערְנִישׁ אִיז דָא אַסַאךְ טִירְן וָואס עֶר קֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דָארְט, **כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אַזוֹי ווִי די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא לח:): **'הַבָּא לִטָּמֵא'** דֶער וָואס ווִיל טוּן עֲבֵירוֹת **'פּוֹתְחִין לוֹ'** עֶפְנְט מֶען אִים אוֹיף אַ טִיר, אוּן תּוֹסְפוֹת אִין מַסֶּכֶת שַׁבָּת בְּרֶענְגְט אַ צְווֵייטֶע גִירְסָא, 'הַבָּא לְטַמֵּא' דֶער וָואס ווִיל טוּן עֲבֵירוֹת - 'פְּתָחִים לוֹ', דָאס הֵייסְט 'יֵשׁ לוֹ פְּתָחִים הַרְבֵּה' עֶר וֶועט גֶעפִינֶען אַסַאךְ טִירְן בַּיי די טוּמְאָה וואוּ אַרַיינְצוּגֵיין אוּן טָמֵא ווערן, **נִמְצָא** קוּמְט אוֹיס פוּן דֶעם, **שֶׁיֵּשׁ פְּתָחִים הַרְבֵּה בַּחֹשֶׁךְ גַּם לָצֵאת מִשָּׁם** אַז עֶס אִיז דָא דָארְט אַסַאךְ טִירְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דָארְט, ווייל פוּן דֶעם זֶעלְבְּן טִיר קֶען מֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְגֵיין. אֵיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן, אוֹיבּ אַזוֹי, אַז עֶס אִיז דָא אַסַאךְ טִירְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן די טוּמְאָה - אִיז פַארְוָואס גֵייט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דָארְט? **אֲבָל הָאָדָם הוּא עִוֵּר** אָבֶער ווִיבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בְּלִינְד, פוּן טוּן עֲבֵירוֹת ווֶערְט פַארְשְׁטָאפְּט די אוֹיגְן, מֶען אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זֶען די לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְאֵין יוֹדֵעַ לִמְצֹא הַפֶּתַח** אוּן עֶר ווֵייסְט נִישְׁט וואוּ די טִיר אִיז, עֶר זֶעט נִישְׁט פַאר זִיךְ קֵיין וֶועג אַרוֹיס, עֶר אִיז אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶערְבִּיטֶערְט בִּיז עֶר טְרַאכְט מַחֲשָׁבוֹת 'אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ בִּין אַ פַארְלוֹירֶענֶער'; דָאס קוּמְט פוּן די קְלִיפּוֹת וָואס מֶען הָאט בַּאשַׁאפְן פוּן עֲבֵירוֹת, זֵיי מַאכְן בְּלִינְד דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט זֶען די טִירְן פוּן וואוּ עֶר קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן די טוּמְאָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וְדַע** אוּן ווִיסְן זָאלְסְטוּ **שֶׁעַל יְדֵי אֱמֶת** דוּרְךְ אֱמֶת, **זוֹכֶה לִמְצֹא הַפֶּתַח** אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם טִיר אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן די טוּמְאָה. ווען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר אֱמֶת'ע דִיבּוּרִים, מֶען זָאגְט: **'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ לִיג אִין בְּלָאטֶע, הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ'** - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן די טִיר אַרוֹיס פוּן די טוּמְאָה, **כִּי עִקַּר אוֹר הַמֵּאִיר** ווייל דֶער עִיקָר לִיכְטִיגְקֵייט וָואס שַׁיינְט אוּן לַייכְט אַז מֶען זָאל קֶענֶען זֶען די טִיר - **הוּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** דָאס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים כ"ז, א): **'ה' אוֹרִי'**

שֶׁקֶר הוּא מְסַלֵּק אֶת הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת כ): "לֹא תִשָּׂא אֶת שֵׁם ה' לַשָּׁוְא", כִּי עַל־יְדֵי שָׁוְא מְסַלֵּק אֶת הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא, כִּי "דֹּבֵר שְׁקָרִים לֹא יִכּוֹן לְנֶגֶד עֵינָיו" **). אֲבָל עַל־יְדֵי אֱמֶת, הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא שׁוֹכֵן עִמּוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים קמ"ה): "קָרוֹב ה' לְכָל קוֹרְאָיו לְכֹל" וְכוּ'; וּכְשֶׁהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא עִמּוֹ, הוּא מֵאִיר לוֹ אֵיךְ לֵיצֵא מֵהַחֹשֶׁךְ הַמּוֹנֵעַ אוֹתוֹ בִּתְפִלָּתוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "ה' אוֹרִי".

דער אייבערשטער איז מיין ליכט, 'וְיִשְׁעִי' און מיין הילף, וְעַל יְדֵי שֶׁקֶר און דורך שֶׁקֶר, הוּא מְסַלֵּק אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שטופּט מען אַוועק פון זיך דעם אייבערשטן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוי ווי עס שטייט אין פָּסוּק (שְׁמוֹת כ, ו): 'לֹא תִשָּׂא אֶת שֵׁם ה' לַשָּׁוְא' [זאָלסט נישט שווערן פאַלש מיטן אייבערשטנ'ס נאָמען], דער הייליגער רבי טייטשט נאָך אַ וועג, 'לַשָּׁוְא' דורך שֶׁקֶר – 'תִּשָּׂא אֶת שֵׁם אֱלֹקֶיךָ' טראָגסטו אַוועק פון דיר דעם אייבערשטן, כִּי עַל יְדֵי שָׁוְא ווייל דורך ליגנט – מְסַלֵּק אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נעמט מען אַוועק פון זיך דעם אייבערשטן, כִּי ווייל עס שטייט אין פָּסוּק (תְּהִלִּים קא, ז): 'דֹּבֵר שְׁקָרִים' דער וואָס רעדט ליגנט, 'לֹא יִכּוֹן' וועט נישט רוען 'לְנֶגֶד עֵינָיו' אַנטקעגן דעם אייבערשטנ'ס אויגן, און חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה לערנען אַרויס פון דעם (סוֹטָה מב.): 'כַּת שַׁקְרָנִים' די אַלע וואָס זאָגן ליגנט – 'אֵינָם מְקַבְּלִין פְּנֵי הַשְּׁכִינָה' זענען נישט מְקַבֵּל די שְׁכִינָה, דאָס איז ווען מען איז פאַרנומען מיט אַנדערע; אַנשטאַט זיין פאַרנומען מיט זיך, מיט די אייגענע רוּחָנִיּוּת, אייננעמען דעם אֱמֶת ווי זינדיג מען איז און ווי סאַך מען דאַרף פאַררעכטן – איז מען פאַרנומען מיט יעדן איינעם, דאָס איז שֶׁקֶר; אַזאַ איינער שטופּט אַוועק פון זיך דעם אייבערשטן און מען בלייבט אַרום גענומען מיט די קְלִיפּוֹת, מען זוכט נישט די טיר אַרויסצוגיין, אֲבָל עַל יְדֵי אֱמֶת אָבער דורך אֱמֶת, ווען מען קוקט אויף זיך מיט אַן אֱמֶת, מען זעט זיך ווי ווייט מען איז, און מען שרייט: 'הייליגער באַשעפער איך קען אַלעמען אָפּפּאַפּן, אָבער דו ווייסט דאָך דעם אֱמֶת, ווער איך בין און ווי ווייט איך בין פון דיר, העלף מיר, ווייז מיר דעם וועג אַרויס, ווייז מיר ווי אַזוי איך קען אָפּלאָזן די שלעכטע מַעֲשִׂים', – הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שׁוֹכֵן עִמּוֹ דאַן רוט דער אייבערשטער מיט אים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוי ווי עס שטייט אין פָּסוּק (תְּהִלִּים קמ"ה, יח): 'קָרוֹב ה' לְכָל קוֹרְאָיו, לְכֹל' דער אייבערשטער איז נאָענט צו אַלע וואָס רופן אים, וְכוּ' 'לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת' צו יעדן וואָס רופט אים מיט אַן אֱמֶת, וּכְשֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עִמּוֹ און אַז דער אייבערשטער איז מיט אים, הוּא מֵאִיר לוֹ טוט ער אים שיינען, אֵיךְ לֵיצֵא מֵהַחֹשֶׁךְ ווי אַזוי ער קען אַרויסגיין פון זיין פינסטערניש, הַמּוֹנֵעַ אוֹתוֹ בִּתְפִלָּתוֹ וואָס לאָזט אים נישט דאַווענען, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: אַזוי ווי עס שטייט אין פָּסוּק: 'ה' אוֹרִי' דער אייבערשטער איז מיין ליכטיגקייט.

**וְזֶה פֵּרוּשׁ:** (בְּרֵאשִׁית ו) **"צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה", פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י: 'יֵשׁ אוֹמְרִים חַלּוֹן, וְיֵשׁ אוֹמְרִים אֶבֶן טוֹב'; וְהַחִלּוּק שֶׁבֵּין חַלּוֹן לְאֶבֶן טוֹב — כִּי הַחַלּוֹן אֵין לוֹ אוֹר בְּעַצְמוֹ,**

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי אַרַיינְטַייטְשְׁן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִין דִי תֵּבַת נֹחַ; דִי מַבּוּל – דָאס אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, דָאס אִיז דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס שְׁטוּרֶעמֶען אוּן בּוּזְשֶׁעוֶוען אִינֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ בִּשְׁעַת עֶר דַאוֶוענְט, אוּן עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'מַבּוּל', אַ לָשׁוֹן פוּן בִּלְבּוּל, וַוייל עֶס אִיז מְבַלְבֵּל דָאס דַאוֶונֶען, אוּן דִי תֵּיבָה דָאס אִיז תֵּבַת הַתְּפִלָּה; 'תֵּיבָה' מֵיינְט אוֹיךְ 'אַ וָוארְט', דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן מִיט דֶעם רַאטֶעוֶועט מֶען זִיךְ פוּן אַלֶע קְלִיפּוֹת. וְזֶה פֵּרוּשׁ אוּן דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ו, טז): **'צֹהַר'** אַ בַּאלַייכְטוּנְג **'תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה'** זָאלְסְטוּ מַאכְן פַאר דִי תֵּיבָה, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס מֵיינְט מֶען זָאלְסְט לִיכְטִיג מַאכְן דָאס דַאוֶונֶען, 'צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה' נֶעם דִי 'תֵּבָה' אוּן מַאךְ עֶס שַׁיינֶען, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי מַבּוּל. וַוייל וֶוען מֶען דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, לוֹיט וִוי מֶער אֱמֶת'דִיג דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, אַלְץ מֶער וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע סָארְט מַבּוּלִים.

**עֶס** אִיז דָא צְוֵויי מַדְרֵיגוֹת אִין אֱמֶת, עֶס אִיז דָא דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז זֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמֶת אַז עֶס שַׁיינְט זֵיי דִי זִיסֶע אַיינְגֶענֶעמֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי שְׁטַארְק וִוי דִי זוּן, אַז זֵיי שַׁיינֶען אוֹיךְ אוֹיף אַנְדֶערֶע; דִי מַדְרֵיגָה אִיז אַזוֹי וִוי דִי שַׁיין פוּן אַ דֵיימַאנְט וָואס שַׁיינְט פוּן זִיךְ אַרוֹיס צוּ אַנְדֶערֶע, אַזוֹי זֶענֶען דִי צַדִּיקִים מִיט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע אֱמֶת, זֵיי דַארְפְן נִישְׁט קֵיינֶעם אִין דֶער וֶועלְט, זֵיי הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ צְוֵויטֶע סָארְט אֱמֶת, דָאס אִיז אַבִּיסְל אַ קְלֶענֶערֶע מַדְרֵיגָה, אֵיינֶער וָואס עֶר אַלֵיין שַׁיינְט נִישְׁט, אָבֶּער עֶר אִיז גְרֵייט צוּ הֶערְן פוּן אַנְדֶערֶע; וואוּ עֶר זֶעט עֶפֶּעס חִיזּוּק – הֶערְט עֶר דָאס אוֹיס אוּן נֶעמְט אָן, עֶר אִיז אַ בְּחִינָה פוּן דִי לְבָנָה, וָואס אוֹיבּ מֶען שַׁיינְט אוֹיף אִיר – שַׁיינְט זִי צוּרִיק, אָבֶּער זִי אַלֵיין הָאט נִישְׁט קֵיין שַׁיין, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ פֶענְסְטֶער וָואס וֶוען עֶס שַׁיינְט אִינְדְרוֹיסְן וֶוערְט לִיכְטִיג אִין שְׁטוּבּ; דָאס אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אַנְטְקֶעגְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וִוילְן נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן קֵיין יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן חִיזּוּק. אוּן דָאס פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י זָאגְט רַשִׁ"י: **'יֵשׁ אוֹמְרִים'** עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז 'צֹהַר' מֵיינְט מֶען 'חַלּוֹן' אַ פֶענְסְטֶער, **'וְיֵשׁ אוֹמְרִים'** אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז דָאס מֵיינְט מֶען **'אֶבֶן טוֹב'** אַ גוּטֶע שְׁטֵיין, **וְהַחִלּוּק שֶׁבֵּין חַלּוֹן לְאֶבֶן טוֹב** אוּן דֶער חִלּוּק פוּן אַ פֶענְסְטֶער אוּן אַ גוּטֶע שְׁטֵיין אִיז – **כִּי הַחַלּוֹן אֵין לוֹ אוֹר בְּעַצְמוֹ** וַוייל אַ פֶענְסְטֶער הָאט נִישְׁט קֵיין אֵייגֶענֶע שַׁיין,

אֶלָּא דֶּרֶךְ שָׁם נִכְנָס הָאוֹר, אֲבָל כְּשֶׁאֵין אוֹר, אֵין מֵאִיר; אֲבָל אֶבֶן טוֹב, אֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵין אוֹר מִבַּחוּץ הוּא מֵאִיר בְּעַצְמוֹ. כֵּן יֵשׁ בְּנֵי־אָדָם שֶׁדִּבּוּרָם הוּא חַלּוֹן, וְאֵין כֹּחַ לְהָאִיר לָהֶם בְּעַצְמָם; וְזֶה: יֵשׁ אוֹמְרִים, וַאֲמִירָתָם נַעֲשֶׂה חַלּוֹן; וְיֵשׁ שֶׁאֲמִירָתָם נַעֲשֶׂה אֶבֶן טוֹב וּמֵאִיר.

**וְדַע** שֶׁהַכֹּל לְפִי גֹּדֶל הָאֱמֶת, כִּי עִקַּר הָאוֹר הוּא הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא, וְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא הוּא עֶצֶם הָאֱמֶת, וְעִקַּר הִשְׁתּוֹקְקוּת שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵינוֹ אֶלָּא אֶל הָאֱמֶת. וְזֶה: "וְאֶל אַמָּה תְּכַלֶּנָּה מִלְמַעְלָה", לְשׁוֹן (שְׁמוּאֵל־ב י"ג):

אֶלָּא עֶס אִיז נָאר אַז דֶּרֶךְ שָׁם דוּרךְ דִי פֶּענְסְטֶער נִכְנָס הָאוֹר קוּמְט אַרַיין לִיכְטִיגְקֵייט, אֲבָל כְּשֶׁאֵין אוֹר אָבֶער וֶוען עֶס אִיז טוּנְקֶל אִינְדְרוֹיסְן, אֵין מֵאִיר שַׁיינְט דִי נִישְׁט, אֲבָל אֶבֶן טוֹב אָבֶער אַ גוּטֶע שְׁטֵיין, אֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵין אוֹר מִבַּחוּץ אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז טוּנְקֶל אִינְדְרוֹיסְן הוּא מֵאִיר בְּעַצְמוֹ גֶעבְּט דִי אַרוֹיס אַן אֵייגֶענֶע שַׁיין, כֵּן אַזוֹי אוֹיךְ יֵשׁ בְּנֵי אָדָם זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן שֶׁדִּבּוּרָם הוּא וָואס זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער וָואס זֵיי דַאוֶוענֶען חַלּוֹן אִיז וִוי אַ פֶּענְסְטֶער, וְאֵין כֹּחַ לְהָאִיר לָהֶם בְּעַצְמָם זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין לִיכְטִיג מַאכְן, וְזֶה אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן רַשִׁ"י: יֵשׁ אוֹמְרִים עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן, וַאֲמִירָתָם אוּן זֵייעֶר זָאגְן, דָאס מֵיינְט זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער וָואס זֵיי דַאוֶוענֶען – נַעֲשֶׂה חַלּוֹן וֶוערְט וִוי אַ פֶּענְסְטֶער, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע כֹּחַ לִיכְטִיג צוּ מַאכְן, אַזוֹי וִוי אַ פֶּענְסְטֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע שַׁיין, עֶס קֶען נִישְׁט לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אַנְדֶערֶע, וְיֵשׁ אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן, שֶׁאֲמִירָתָם אוּן זֵייעֶר זָאגְן, דָאס מֵיינְט זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער וָואס זֵיי דַאוֶוענֶען – נַעֲשֶׂה וֶוערְט וִוי אֶבֶן טוֹב אַ גוּטֶע שְׁטֵיין, וּמֵאִיר עֶס גֶעבְּט אַרוֹיס אַן אֵייגֶענֶע שַׁיין; זֵיי דַאוֶוענֶען מִיטְן גַאנְצְן אֱמֶת אַז זֵיי הָאבְּן אַ כֹּחַ צוּ שַׁיינֶען אוּן לִיכְטִיג מַאכְן, נִישְׁט נָאר פַאר זִיךְ, נָאר אוֹיךְ פַאר אַנְדֶערֶע וַוייזְן זֵיי דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וְדַע** אוּן וִויסְן זָאלְסְטוּ שֶׁהַכֹּל אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ לְפִי גֹּדֶל הָאֱמֶת וִוי אֱמֶת'דִיג מֶען מֵיינְט עֶס, לוֹיט דִי אֱמֶת עֶפֶנְט זִיךְ אוֹיף טִירְן אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ. כִּי עִקַּר הָאוֹר וַוייל דֶער עִיקָר לִיכְטִיגְקֵייט וָואס מַאכְט לִיכְטִיג דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל וִויסְן וָואס עֶר הָאט צוּטוּן אִין לֶעבְּן – הוּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הוּא עֶצֶם הָאֱמֶת אִיז דָאךְ דִי זַאךְ פוּן אֱמֶת, וְעִקַּר הִשְׁתּוֹקְקוּת שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן דֶער עִיקָר גְלִיסְטֶענִישׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵינוֹ אֶלָּא אֶל הָאֱמֶת אִיז נָאר צוּם אֱמֶת, וְזֶה אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית, שָׁם): 'וְאֶל אַמָּה תְּכַלֶּנָּה מִלְמַעְלָה', דִי וָוארְט 'תְּכַלֶּנָּה' לְשׁוֹן אִיז דִי זֶעלְבֶּע וָוארְט וָואס

"וַתְּכַל נֶפֶשׁ דָּוִד". אַמָּה — הִיא ה' מוֹצָאוֹת, הַכְּלוּלִים מֵאֵשׁ וּמַיִם, הַיְנוּ שֶׁתִּרְאֶה שֶׁיֵּצְאוּ הַדִּבּוּרִים מִפִּיךָ בֶּאֱמֶת, וְאָז יִשְׁתּוֹקֵק הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא מִלְמַעְלָה לִשְׁכֹּן אֶצְלְךָ; וּכְשֶׁיִּשְׁכֹּן אֶצְלְךָ, הוּא יָאִיר לְךָ.

וְזֶה: אַמָּה תְּכַלֶּנָּה מִלְמַעְלָה — רָאשֵׁי־תֵבוֹת אֱמֶת, כִּי עַל־יְדֵי אֱמֶת הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא חוֹמֵד מִלְמַעְלָה לִשְׁכֹּן עִם הָאָדָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו" וְכוּ'. וְאָז: "וּפֶתַח הַתֵּבָה בְּצִדָּהּ תָּשִׂים", הַיְנוּ הַתֵּבָה הַיּוֹצֵאת בֶּאֱמֶת, הִיא תָּשִׂים לְךָ פֶּתַח בַּחֹשֶׁךְ שֶׁאַתָּה נִצּוֹד בּוֹ. וְזֶה: "בְּצִדָּהּ" — הַיְנוּ

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוּאֵל־ב י"ג, לט): 'וַתְּכַל נֶפֶשׁ דָּוִד' 'וַתְּכַל' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְלִיסְטְן אוּן ווֶעלְן, אוּן אִין דִי ווָארְט 'אַמָּה' 'אַמָּה' **הִיא** אִיז מְרוּמָז ה' **מוֹצָאוֹת** דִי פִינְף ווֶעגְן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט אַרוֹיס אוֹתִיּוֹת פוּן מוֹיל, [דִי אוֹתִיּוֹת אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין פִינְף, עֶס אִיז דָא אוֹתִיּוֹת ווָאס מֶען דַארְף נוּצְן דִי לִיפְּן, נָאכְדֶעם אִיז דָא אוֹתִיּוֹת ווָאס מֶען נוּצְט דִי הָאלְדְז, צִינְג, גוּמֶען, צֵיין], **הַכְּלוּלִים מֵאֵשׁ וּמַיִם** ווָאס דִי ווֶערְטֶער קוּמֶען פוּן פֵייעֶר אוּן ווַאסֶער, [אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט ווֶען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט קוּמְט אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל אַ ווַארֶעמֶע נָאסֶע לוּפְט], דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן 'אַמָּה' אֵ'שׁ מַ'יִם אוּן ה' מוֹצָאוֹת, **הַיְנוּ שֶׁתִּרְאֶה** זָאלְסְט זֶען **שֶׁיֵּצְאוּ הַדִּבּוּרִים מִפִּיךָ** עֶס זָאל אַרוֹיסְגֶעזָאגְט ווֶערְן פוּן דַיין מוֹיל דִי ווֶערְטֶער פוּן דָאוֶוענֶען **בֶּאֱמֶת** מִיט אַן אֱמֶת, **וְאָז יִשְׁתּוֹקֵק הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִלְמַעְלָה** אוּן דֶעמְאלְט ווֶעט דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער ווָאס רוּט אוֹיבְן, גְלִיסְטְן **לִשְׁכֹּן אֶצְלְךָ** צוּ רוּעֶן בַּיי דִיר, **וּכְשֶׁיִּשְׁכֹּן אֶצְלְךָ** אוּן אַז דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט רוּעֶן דִי שְׁכִינָה בַּיים מֶענְטְשׁ, **הוּא יָאִיר לְךָ** ווֶערְט לִיכְטִיג פַארְן מֶענְטְשׁ.

**אוּן** ווִי אַזוֹי אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם פָּסוּק 'וְאֶל אַמָּה' אַז דִי ווֶערְטֶער דַארְפְן גֶעזָאגְט ווֶערְן מִיט אַן אֱמֶת? **וְזֶה** דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי ווֶערְטֶער **אַ'מָּה תְּ'כַלֶּנָּה מִ'לְמַעְלָה**, ווַייל דִי ווֶערְטֶער זֶענֶען **רָאשֵׁי תֵּבוֹת אֱמֶת** רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אֱמֶ"ת, **כִּי עַל יְדֵי אֱמֶת** ווַייל דוּרְךְ אֱמֶת **הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חוֹמֵד מִלְמַעְלָה** גְלִיסְט דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער פוּן אוֹיבְן **לִשְׁכֹּן עִם הָאָדָם** צוּ רוּעֶן בַּיים מֶענְטְשׁ, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: **'קָרוֹב ה' לְכָל קוֹרְאָיו'** דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאנְט צוּ אַלֶע ווָאס רוּפְן אִים, **וְכוּ'** 'לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת' צוּ יֶעדְן ווָאס רוּפְט אִים מִיט אַן אֱמֶת, **וְאָז** אוּן ווֶען מֶען דָאוֶוענְט מִיט אַן אֱמֶת, זֶעט מֶען דִי טִיר אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי טוּנְקֶלְקֵייט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט ווַייטֶער: **'וּפֶתַח הַתֵּבָה'** אוּן דִי עֶפֶענוּנְג פוּן דִי תֵּיבָה **'בְּצִדָּהּ תָּשִׂים'** זָאלְסְטוּ שְׁטֶעלְן פוּן דֶער זַייט, טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי 'וּפֶתַח הַתֵּבָה' **הַיְנוּ** דָאס אִיז מְרַמֵּז **הַתֵּבָה הַיּוֹצֵאת בֶּאֱמֶת** אַז דִי ווָארְט ווָאס דוּ דַאוֶוענְסְט מִיט אַן אֱמֶת **הִיא תָּשִׂים לְךָ פֶּתַח** ווֶעט דִיר ווַייזְן אַ טִיר **בַּחֹשֶׁךְ** אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ **שֶׁאַתָּה נִצּוֹד בּוֹ** וואוּ דוּ בִּיסְט גֶעפַאנְגֶען, **וְזֶה** אוּן דָאס אִיז

הַקְּלִפָּה הַצָּד צַיִד, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית כ"ה): "כִּי צַיִד בְּפִיו", כִּי מִתְּחִלָּה לֹא הָיָה יָכוֹל לְדַבֵּר מֵחֲמַת הַחֹשֶׁךְ הַסּוֹבֵב אוֹתוֹ, וְעַל-יְדֵי שֶׁיּוֹצֵא מִתּוֹךְ הַחֹשֶׁךְ וּמִתְפַּלֵּל הֵיטֵב, עַל-יְדֵי-זֶה הוּא מְתַקֵּן "תַּחְתִּיִּם שְׁנִיִּם וּשְׁלִישִׁים", הַיְינוּ עוֹלַם הַשָּׁפָל וְעוֹלַם הַגַּלְגַּלִּים וְעוֹלַם הַשֵּׂכֶל. (אַךְ אִי אֶפְשָׁר לְהִתְפַּלֵּל, רַק כְּשֶׁלּוֹמֵד תּוֹרָה, כִּי 'לֹא עַם-הָאָרֶץ חָסִיד' (אָבוֹת ב); וּכְתִיב (מִשְׁלֵי כ"ח): "מֵסִיר אָזְנוֹ מִשְּׁמֹעַ תּוֹרָה גַּם תְּפִלָּתוֹ תּוֹעֵבָה" — כְּתַב יַד הַחֲבֵרִים).

מְרוּמָז אִין דִי וָוארְט 'בְּצִדָּהּ' פוּן דֶער זַייט, דֶער רֶבִּי זָאגְט נָאךְ אַ טַייטְשׁ, 'בְּצִדָּהּ' הַיְינוּ דָאס מֵיינְט מֶען הַקְּלִפָּה דִי קְלִיפּוֹת וָואס מֶען הָאט בַּאשַׁאפְן פוּן עֲבֵירוֹת, הַצָּד צַיִד וָואס פַאנְגֶען נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל זֵיי זָאלְן נִשְׁט קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בַּיי עֵשָׂו (בְּרֵאשִׁית כ"ה, כח): 'כִּי צַיִד בְּפִיו' [ווייל עֶר הָאט גֶעפַאנְגֶען אִין זַיין מוֹיל, זֶע רַשִׁ"י צְווֵיי פְּשָׁטִים], טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי 'כִּי צַיִד' דִי קְלִיפּוֹת פַאנְגֶען 'בְּפִיו' דִי מוֹיל פוּנֶעם אִיד, מֶען זָאל נִשְׁט דַאוֶוענֶען, כִּי מִתְּחִלָּה ווייל אִין אָנְהוֹיבּ לֹא הָיָה יָכוֹל לְדַבֵּר הָאט עֶר נִשְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֵחֲמַת הַחֹשֶׁךְ הַסּוֹבֵב אוֹתוֹ צוּלִיבּ דִי טוּנְקֶלְקֵייט וָואס נֶעמְט אִים אַרוּם אוּן רֶעדְט אִים אַיין אַז עֶר הָאט נִישְׁט מֶער קֵיין תַּקָּנָה, עֶר קֶען מֶער נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, וְעַל יְדֵי שֶׁיּוֹצֵא מִתּוֹךְ הַחֹשֶׁךְ וּמִתְפַּלֵּל הֵיטֵב אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר נֶעמְט דִי תֵּבַת נֹחַ, עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי טוּנְקֶלְקֵייט אוּן עֶר דַאוֶוענְט גוּט - עַל יְדֵי זֶה הוּא מְתַקֵּן טוּט עֶר מִיט דֶעם פַארֶערְכְטְן 'תַּחְתִּיִּם שְׁנִיִּם וּשְׁלִישִׁים' דִי דְרַיי שְׁטָאק אִין דִי תֵּיבָה, הַיְינוּ דִי דְרַיי שְׁטָאק דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף וָואס מֶען הָאט אוֹיבְּן גֶערֶעדְט, אַז דוּרְךְ דַאוֶוענֶען הֵייבְּט מֶען אוֹיף דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, סַיי עוֹלָם הַשָּׁפָל דִי נִידְרִיגֶע וֶועלט, וְעוֹלָם הַגַּלְגַּלִּים אוּן סַיי דִי צְווֵייטֶע וֶועלְט, דִי וֶועלְט פוּן דִי מַזָּלוֹת אוּן שְׁטֶערְנְס, וְעוֹלָם הַשֵּׂכֶל אוּן דִי הֶעכֶערֶע וֶועלְט, דִי וֶועלְט פוּן דִי מַלְאָכִים, (אַךְ אִי אֶפְשָׁר לְהִתְפַּלֵּל אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען רַק כְּשֶׁלּוֹמֵד תּוֹרָה נָאר אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, כִּי אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן: 'לֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד' דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט - קֶען נִישְׁט זַיין קֵיין חָסִיד, ווייל עֶר ווייסְט דָאךְ נִישְׁט וָואס אִיז הֲלָכָה, ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, (אָבוֹת ב, ה); וּכְתִיב אוּן נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כ"ח, ט): 'מֵסִיר אָזְנוֹ מִשְּׁמֹעַ תּוֹרָה' דֶער וָואס טוּט אָפּ זַיינֶע אוֹיעֶרְן פוּן הֶערְן לֶערְנֶען תּוֹרָה - 'גַּם תְּפִלָּתוֹ תּוֹעֵבָה' אִיז זַיין דַאוֶוענֶען אוֹיךְ פַארְ'מִיאוּס'ט. כְּתַב יַד הַחֲבֵרִים דִי שְׁטִיקְל וָואס אִיז אַרַיינְגֶערִינְגְלְט הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב צוּגֶעלֵייגְט אִין יָאר תרל"ו פוּן אַ כְּתַב יַד וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן).

ד דֶער רֶבִּי הָאט פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ב) אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ וָואס אִיז כּוֹלֵל אַלֶע צְוֶועלְף שְׁבָטִים, עֶר קֶען צַאמְנֶעמֶען אַלֶע תְּפִלּוֹת אַז זֵיי זָאלְן

**ד וצריך כל אדם לקשר את תפלתו לצדיק הדור.** והצדיק יודע לכון השערים ולהעלות כל תפלה ותפלה לשער השיך. כי כל צדיק וצדיק הוא בחינת משה־משיח, כמו שאמרו (ג) 'משה, שפיר קאמרת', וכתיב (בראשית מ"ט): "עד כי יבא שילה" — 'דא משה' (זהר בראשית כה:); ומשיח הוא כלול כל התפלות, ובשביל זה יהיה משיח 'מורח ודאין' (כמו שאמרו רבותינו, זכרונם

אנקומען צו די טויער פון זייער שבט, יעצט גייט דער רבי זאגן אז דער צדיק הדור האט אויך די כח, און דעריבער **וצריך כל אדם** דארף יעדער איינער **לקשר את תפלתו** צובינדן זיינע תפלות **לצדיק הדור** צום צדיק הדור, **והצדיק יודע לכון השערים** און דער צדיק ווייסט פינקטליך אויסצורעכענען צו וועלכע טויער יעדע תפלה באלאנגט, **ולהעלות כל תפלה ותפלה** און ווייסט ווי אזוי ארויפצוברענגען אלע תפלות **לשער השיך** צו די טויער וואו זי דארף אנקומען, **כי כל צדיק וצדיק** ווייל יעדע צדיק אמת פונעם דור **הוא בחינת משה משיח** איז אזוי ווי משה רבינו און משיח צדקינו, דער צדיק קען אויך ארויפברענגען די תפלות צו די טויער וואו זי דארף אנקומען, אזוי ווי משיח צדקינו, וואס דאס וועט זיין די ארבעט פון משיח, אויפצוהייבן און שטארקן אידישע קינדער זיי זאלן דאווענען צום אייבערשטן, משיח צדקינו וועט אריינשיינען אין אונז די ליכטיגקייט פון תפלה והתבודדות.

**דער** רבי ברענגט א ראיה אז צדיקים ווערן אנגערופן מיטן נאמען 'משה', **כמו שאמרו** אזוי ווי מיר געפינען אין ש"ס (שבת קא: סוכה לט. ביצה לח: חולין צג.) ווען דער תנא אדער אמורא רעדט צו זיין חבר, רופט איינער דעם צווייטן: **'משה שפיר קאמרת'** משה, גוט האסטו געזאגט; און דער רבי ברענגט א ראיה אז משה רבינו אליין איז משיח, **וכתיב** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית מ"ט, י): **'עד כי יבא שילה'** ביז ווילאנג משיח וועט קומען, 'שילה' איז 'משיח', און דער הייליגער זוהר זאגט: **'דא משה'** דאס מיינט מען משה רבינו וואס ער איז משיח (זוהר בראשית כה ע"ב, כז ע"א), שילה באטרעפט דריי הונדערט פינף און פערציג, און משה באטרעפט די זעלבע, **ומשיח הוא** און משיח וועט אזוי שטארק אריינברענגען די זאך פון תפלה, ער וועט האבן די זאך **כלול כל התפלות** פון צאמנעמען אלע תפלות.

**ובשביל זה** און דערפאר וואס משיח וועט אריינברענגען אין די וועלט די זאך פון תפלה, אלע וועלן שפירן דעם אייבערשטן אז מען וועט זיך נאר באשעפטיגן מיט תפלה - **יהיה משיח** וועט ער האבן די זאך פון **'מורח ודאין'** ער וועט שמעקן מיט די נאז, און אזוי וועט ער משפט'ן יעדן איינעם, (**כמו שאמרו** רבותינו, זכרונם לברכה סנהדרין צג: אזוי ווי די גמרא דערציילט, ווען בר כוזבא האט געזאגט אז ער איז משיח - האבן

לִבְרָכָה סַנְהֶדְרִין צג:), **כִּי הַתְּפִלּוֹת הֵם בִּבְחִינַת חֹטֶם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (יְשַׁעְיָהוּ מ"ח): **"וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ":**

**וְזֶה פֵּרוּשׁ: אָמַר רַבָּה בַּר בַּר־חָנָה: זִמְנָא חֲדָא הֲוֵי קָאָזְלִינַן בְּמַדְבְּרָא, וְאִתְלַוֵּי בַּהֲדָן הַהוּא טַיְעָא, דַּהֲוָה שָׁקִיל עַפְרָא וּמוֹרַח לֵהּ. וְאָמַר: הָא אוֹרְחָא לְדוּכְתָּא פְּלָן וְהָא אוֹרְחָא לְדוּכְתָּא פְּלָן. אָמְרִינַן לֵהּ: כַּמָּה מְרַחֲקִינַן מִמַּיָּא? וְאָמַר לָן: הָבוּ לִי עַפְרָא. יָהֲבִינַן לֵהּ. אָמַר לָן: תְּמַנְיָא פַּרְסֵי.**

אִים דִי חֲכָמִים גֶעזָאגְט, בַּיי מָשִׁיחַ שְׁטֵייט דָאךְ עֶר וֶועט שְׁמֶעקְן מִיט דִי נָאז אוּן מִשְׁפָּט'ן, לָאמִיר זֶען אוֹיב דוּ הָאסְט דִי זַאךְ פוּן מוֹרַח וַדָאִין, אוּן וֶוען עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעהַאט הָאט מֶען אִים גֶע'הַרְגְ'עט), דֶער רֶבִּי גֵייט עֶרְקְלֶערְן דִי פְּנִימִיּוּת פוּן דִי זַאךְ פוּן 'מוֹרַח וַדָאִין', דָאס מֵיינְט מֶען דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מָשִׁיחַ וֶועט נָאר עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם, אוֹיסְלֶערְנֶען אַלֶעמֶען דִי זַאךְ פוּן דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**כִּי הַתְּפִלּוֹת הֵם בִּבְחִינַת חֹטֶם** ווייל דַאוֶוענֶען וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי אָטֶעם וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִי נָאז, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז דַאוֶוענֶען הָאט מִיט דִי נָאז **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מ"ח, ט): **'וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ'** [דָאס אִיז מַיין לוֹיב, וָואס מֶען דַאוֶוענְט אוּן מֶען לוֹיבְּט מִיר, אַז אִיךְ הַאלְט צוּרִיק מַיין צָארְן פוּן דִיר], אוּן דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דָאס אוֹיס: 'וּתְהִלָּתִי' דָאס וָואס אַ אִיד אִיז מִתְפַּלֵּל אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'אֶחֱטָם לָךְ' אִיז אַזוֹי וִוי דִי נָאז. מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען דִי זַאךְ פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס וֶועט וֶוערְן בַּיים מֶענְטְשׁ אַזוֹי ווִיכְטִיג וִוי אָטֶעמֶען, אַזוֹי וִוי דֶער נָאז אִיז דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִינֶעם לֶעבְּן, מִיטְן נָאז אָטֶעמְט מֶען, אַזוֹי אוֹיךְ תְּפִלָּה אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַארְן מֶענְטְשׁ.

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי צַאמְפְּלֶעכְטְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן דָאס אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָא.

**וְזֶה פֵּרוּשׁ** אוּן דָאס אִיז פְּשָׁט אִין דִי גְמָרָא (בָּבָא בַּתְרָא עג:) **'אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָא'** רַבָּה בַּר בַּר חָנָא הָאט גֶעזָאגְט: **'זִמְנָא חֲדָא'** אֵיינְמָאל **'הֲוֵי קָאָזְלִינַן בְּמַדְבְּרָא'** זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען אִין מִדְבָּר, **'וְאִתְלַוֵּי בַּהֲדָן הַהוּא טַיְעָא'** אוּן אַן אַרַאבֶּער הָאט אוּנְז בַּאגְלֵייט, **'דַּהֲוָה שָׁקִיל עַפְרָא'** וָואס עֶר הָאט גֶענוּמֶען עֶרְד, **'וּמוֹרַח לֵהּ'** אוּן הָאט דָאס גֶעשְׁמֶעקְט **'וְאָמַר'** אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, **'הָא אוֹרְחָא לְדוּכְתָּא פְּלָן'** דָא אִיז דִי וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּ דֶעם פְּלַאץ, **'וְהָא אוֹרְחָא לְדוּכְתָּא פְּלָן'** אוּן דָא אִיז דִי וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּ דֶעם פְּלַאץ, **'אָמְרִינַן לֵהּ'** הָאבְּן מִיר אִים גֶעזָאגְט **'כַּמָּה מְרַחֲקִינַן מִמַּיָּא'** וִוי וַוייט זֶענֶען מִיר פוּן וַואסֶער? **'וְאָמַר לָן'** אוּן עֶר הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט: **'הָבוּ לִי עַפְרָא'** גֶעבְּט מִיר עֶרְד, **'יָהֲבִינַן לֵהּ'** שְׁפֶּעטֶער אוֹיפְן וֶועג הָאבְּן מִיר אִים גֶעגֶעבְּן עֶרְד, **'אָמַר לָן'** הָאט עֶר אוּנְז

גֶעזָאגְט 'תְּמַנְיָא פַּרְסֵי' אַכְט פַּרְסָאוֹת, 'תָּנֵינַן וְיָהֲבִינַן לֵהּ' הָאבְּן מִיר אִים נָאכאַמָאל גֶעגֶעבְּן עֶרְד 'אָמַר לָן' הָאט עֶר אוּנְז גֶעזָאגְט: 'דִּמְרַחֲקִינַן' מִיר זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם פְּלַאץ פוּן וַואסֶער 'תְּלָתָא פַּרְסֵי' דְּרֵיי פַּרְסָאוֹת, 'אַפְּכִית לֵהּ' הָאבְּן מִיר אִיבֶּערְגֶעבִּיטְן דִּי עֶרְד מִיט אַנְדֶערֶע עֶרְד, אִים אוֹיסְצוּפְּרוּבִּירְן אוֹיב קֶען עֶר זִיךְ גוּט אוֹיס, 'וְלָא יָכֵלִית לֵהּ' אוּן מִיר הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּייקוּמֶען, עֶר הָאט גוּט גֶעוואוּסְט.

רַשְׁבַּ"ם: טַיְעָא. מֵיינְט - סוֹחֵר יִשְׁמְעֵאל: אַ סוֹחֵר אַן אַרַאבֶּער, וְהָפְּכִינַן. הַאי עַפְרָא בְּהַאי עַפְרָא מִיר הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעטוֹישְׁט דִּי עֶרְד מִיט דִּי עֶרְד, לְנַסּוֹתוֹ אִם יִהְיֶה בָּקִי כָּל כָּךְ: צוּ זֶען אוֹיב עֶר אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק בַּאקַאנְט.

**גֵּייט** דֶער רֶבִּי אַרַיינְלֵייגְן דִּי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִין דִּי וֶוערְטֶער פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָא.

'**זִמְנָא חֲדָא אִתְלַוִּין בַּהֲדָן הַהוּא טַיְעָא**' [אֵיינְמָאל הָאט אַן אַרַאבֶּער מִיךְ בַּאגְלֵייט], רַבָּה בַּר בַּר חָנָא דֶערְצֵיילְט, אַמָאל בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין 'מִדְבָּר' דָאס מֵיינְט מֶען אַמָאל בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען 'דַאוֶוענֶען'; 'מִדְבָּר' אִיז דִּי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּן 'מְדַבֵּר', אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְקַשֵּׁר גֶעוֶוען צוּם צַדִּיק, בַּאגְלֵייטְן מֵיינְט עֶר צוּ זָאגְן אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעבִּינְדְן צוּם צַדִּיק, דָאס טַייטְשְׁט 'אִתְלַוִּין בַּהֲדָן הַהוּא טַיְעָא' בַּיים דַאוֶוענֶען, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין 'מִדְבָּר' - הָאבּ אִיךְ זִיךְ צוּגֶעבִּינְדְן צוּם צַדִּיק. דָאס וָואס עֶר זָאגְט 'סוֹחֵר יִשְׁמָעֵאל' - אַ סוֹחֵר אַן אַרַאבֶּער - זֶה בְּחִינַת דָאס מֵיינְט עֶר צוּ זָאגְן צַדִּיק הַדּוֹר דֶער צַדִּיק פוּנֶעם דוֹר, מֶען דַארְף זִיךְ צוּבִּינְדְן צוּם צַדִּיק פוּנֶעם דוֹר שֶׁהוּא כָּלוּל כָּל הַתְּפִלּוֹת וָואס עֶר הָאט דִּי זַאךְ פוּן קֶענֶען צַאמְנֶעמֶען אַלֶע תְּפִילּוֹת פוּן יֶעדְן שֵׁבֶט צוּ יֶעדְן'ס טוֹיעֶר, כְּמָשִׁיחַ אַזוֹי ווִי מָשִׁיחַ, ווַייל דֶער צַדִּיק פוּנֶעם דוֹר טוּט דִּי זֶעלְבֶּע זַאךְ וָואס מָשִׁיחַ וֶועט טוּן, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִּי וֶועלְט מֶען זָאל דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וּתְפִלּוֹת** דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶה בְּחִינַת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיטְן נָאמֶען 'סוֹחֵר יִשְׁמָעֵאל' 'יִשְׁמָעֵאל', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ט"ז, יא), דֶער מַלְאָךְ הָאט גֶעזָאגְט פַאר הָגָר, זָאלְסְט אַ נָאמֶען גֶעבְּן דַיין קִינְד 'יִשְׁמָעֵאל': 'כִּי שָׁמַע ה' אֶל עָנְיֵךְ' ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעהֶערְט צוּ

---

**תָּנֵינַן וְיָהֲבִינַן לֵהּ, אָמַר לָן: דִּמְרַחֲקִינַן תְּלָתָא פַּרְסֵי. אַפְּכִית לֵהּ וְלָא יָכֵלִית לֵהּ.**

רַשְׁבַּ"ם: **טַיְעָא** — סוֹחֵר יִשְׁמְעֵאל: **וְהָפְכִינַן** — הַאי עַפְרָא בְּהַאי עַפְרָא, לְנַסּוֹתוֹ אִם יִהְיֶה בָּקִי כָּל כָּךְ.

**זִמְנָא** חֲדָא אִתְלַוִּין בַּהֲדָן הַהוּא טַיְעָא, סוֹחֵר יִשְׁמָעֵאל — זֶה בְּחִינַת צַדִּיק הַדּוֹר, שֶׁהוּא כָּלוּל כָּל הַתְּפִלּוֹת כְּמָשִׁיחַ. וּתְפִלּוֹת זֶה בְּחִינַת סוֹחֵר יִשְׁמָעֵאל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית ט"ז): "כִּי שָׁמַע ה' אֶל עָנְיֵךְ", וְתַרְגּוּמוֹ: 'קַבֵּיל ה'

צְלוֹתֵיךְ'. וְזֶה סוֹחֵר, כִּי סָבִיב — תַּרְגּוּמוֹ סְחוֹר. וְזֶה בְּחִינַת אֱמוּנָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים פ"ט): "וֶאֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ".

**וְאִתְלַוִּין בַּהֲדָן הַהוּא טַיְעָא,** — שֶׁקָּשַׁרְנוּ אֶת עַצְמֵנוּ עִם צַדִּיק הַדּוֹר, שֶׁהוּא בְּחִינַת מָשִׁיחַ, כְּלָלִיּוּת הַתְּפִלָּה. וְשָׁקִיל עַפְרָא וּמוֹרַח וְאָמַר: הָא לְדוּכְתָּא פְּלָן וְהָא לְדוּכְתָּא פְּלָן. עַפְרָא — זֶה בְּחִינַת תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָהוּ מ"א): "יִתֵּן כֶּעָפָר חַרְבּוֹ", וְחֶרֶב

דיין פיין, וְתַרְגּוּמוֹ און דער תַּרְגּוּם זָאגְט: 'קַבֵּיל ה' צְלוֹתִיךְ' דער אייבערשטער האט אָנגענומען דיינע תְּפִילוֹת, זעט מען אַז 'יִשְׁמְעֵאל' איז 'דַאוֶונֶען', וְזֶה 'סוֹחֵר' און אויף די ווארט 'סוֹחֵר' מיינט דַאוֶונֶען, כִּי סָבִיב ווייל די ווארט 'סָבִיב' תַּרְגּוּמוֹ זָאגְט דער תַּרְגּוּם סְחוֹר אַרוּם און אַרוּם, און די ווערטער 'סוֹחֵר' און 'סְחוֹר' זענען די זעלבע אוֹתִיוֹת, וְזֶה בְּחִינַת און די זאך פון אַרוּם און אַרוּם - אֱמוּנָה דאס איז אֱמוּנָה, ווען אַ מענטש שְׁפִּירְט זיך אַרוּם גענומען מיטן אייבערשטן, ער טְרַאכְט ווי די גאנצע וועלט איז איין שטיק אייבערשטער און ער שְׁטֵייט אינדערמיט, אַרוּמגענומען מיטן אייבערשטן - דאס ווייזט אויף אֱמוּנָה. דער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיֶ' אַז אֱמוּנָה איז אַ לָשׁוֹן פון 'סָבִיב', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עס שְׁטֵייט אין פָּסוּק (תְּהִלִּים פ"ט, ט): 'וֶאֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ' און דיין אֱמוּנָה איז אַרוּם דיר, וָואס דאס איז דער עִיקָר שְׁלֵימוּת פון תְּפִלָּה, מען זאל זיך פָארְשְׁטֶעלְן ווי מען איז שְׁטֶענְדִיג אַרוּמגענומען מיטן אייבערשטן, וואו מען געפינט זיך נָאר איז דער אייבערשטער נעבן אים, אַזוֹי דַאוֶונְט מען שְׁטֶענְדִיג צום אייבערשטן; און גְלַייך ווען איך האב אָנְגעהויבן

דַאוֶונֶען 'וְאִתְלַוִּין בַּהֲדָן' האט זיך צוגעבינדן צו מיר 'הַהוּא טַיְעָא' דער צַדִּיק פונעם דור, ווייל ווען אַ איד דַאוֶונְט צום אייבערשטן באהעפט זיך צו אים דער צַדִּיק, דער צַדִּיק נעמט די תְּפִלּוֹת און טְרָאגְט עס צום אייבערשטן מיט די תְּפִלּוֹת פון אַלע אידן, **שֶׁקָּשַׁרְנוּ אֶת עַצְמֵנוּ עִם צַדִּיק הַדּוֹר** און אַזוֹי אויך בינדט זיך דער מענטש צו צום צַדִּיק, ווייל דער צַדִּיק פונעם דור **שֶׁהוּא בְּחִינַת מָשִׁיחַ** איז אַזוֹי ווי מָשִׁיחַ **כְּלָלִיּוּת הַתְּפִלָּה** וואס קען צאמנעמען די תְּפִילוֹת פון אלעמען. **'וְשָׁקִיל עַפְרָא וּמוֹרַח וְאָמַר: הָא לְדוּכְתָּא פְּלָן וְהָא לְדוּכְתָּא פְּלָן'** [און ער האט גענומען ערד, און דאס געשמעקט, און ער האט געזאגט: דא איז די וועג אנצוקומען צו דעם פלאץ, און דא איז די וועג אנצוקומען צו דעם פלאץ], טייטשט דער רֶבִּי 'עַפְרָא' ערד זֶה בְּחִינַת דאס מיינט מען תְּפִלָּה דאווענען, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עס שטייט אין פָּסוּק, אַבְרָהָם אָבִינוּ האט מִלְחָמָה געהאלטן מיט די פעלקער, (יְשַׁעְיָהוּ מ"א, ב): 'יִתֵּן כֶּעָפָר חַרְבּוֹ' [מיט זיין שווערד האט ער גע'הרג'עט אזויפיל מענטשן אזוי ווי די שטויב פון די ערד], זעט מען אז 'עֶרד' און 'שְׁווערד' איז איין זאך, וְחֶרֶב און

זֶה בְּחִינַת תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי". וּמוֹרֵחַ — כִּי יֵשׁ לוֹ כֹּחַ הַזֶּה לְהָרִיחַ, עַל-יְדֵי שֶׁהוּא כָּלוּל כָּל הַתְּפִלּוֹת, וּכְתִיב: "וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ".

וְאָמַר: הָא לְדוּכְתָּא פְּלָן — שֶׁהָיָה יוֹדֵעַ שַׁעֲרֵי תְּפִלּוֹת, וְהָיָה יוֹדֵעַ כָּל תְּפִלָּה הַשַּׁיָּךְ לְשִׁבְטוֹ. וְאָמְרִינַן לֵהּ: כַּמָּה מְרַחֲקִינַן מִמַּיָּא? וְאָמַר: הָבוּ לִי עַפְרָא. וְיָהֲבִינַן לֵהּ. אָמַר לָן: תְּמַנְיָא פַּרְסֵי. תָּנֵינַן וְיָהֲבִינַן לֵהּ, אָמַר לָן: תְּלָתָא פַּרְסֵי. אֲפֵכִית וְלָא יָכֵלִית לֵהּ. — הַיְנוּ, אָמְרִינַן

א שׁוֶועֶרְד זֶה בְּחִינַת דָאס מֵיינְט תְּפִלָּה דַאוֶונֶען, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מח, כב), יַעֲקֹב אָבִינוּ זָאגְט פַאר יוֹסֵף, אִיךְ גֶעבּ דִיר שְׁכֶ"ם וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען: 'בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי' מִיט מַיין שׁוֶועֶרְד אוּן מִיט מַיין בּוֹיגְן, אוּן וִוי רַשִׁ"י זָאגְט, דָאס מֵיינְט: 'תְּפִלָּה וּבַקָּשָׁה' מִיט דַאוֶונֶען אוּן גֶעבֶּעט; רַבָּה בַּר בַּר חָנָא זָאגְט, 'וְשָׁקִיל עַפְרָא' דֶער צַדִּיק הָאט גֶענוּמֶען דִי תְּפִלָּה 'וּמוֹרַח' [אוּן דָאס גֶעשְׁמֶעקְט], כִּי יֵשׁ לוֹ כֹּחַ הַזֶּה וַוייל דֶער צַדִּיק הָאט דִי כֹּחַ פוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, לְהָרִיחַ 'מוֹרַח וְדָאִין', צוּ קֶענֶען שְׁמֶעקְן, דָאס מֵיינְט מֶען דִי כֹּחַ הַתְּפִלָּה וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'חֹטֶם', דֶער צַדִּיק מַאכְט לִיכְטִיג אוּן וַוייזְט פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוּן וָואס מֶען וִויל זָאל מֶען אִים בֶּעטְן, עַל יְדֵי שֶׁהוּא כָּלוּל כָּל הַתְּפִלּוֹת דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר נֶעמְט אַלֶע תְּפִילוֹת, וּכְתִיב אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָ' מח, ט): 'וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ' 'וּתְהִלָּתִי' דָאס וָואס אַ אִיד אִיז מִתְפַּלֵּל אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - 'אֶחֱטָם לָךְ' אִיז אַזוֹי וִוי דִי נָאז, 'וְאָמַר: הָא לְדוּכְתָּא פְּלָן' [אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: דָא אִיז דִי וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּ דֶעם פְּלַאץ], טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי: שֶׁהָיָה יוֹדֵעַ שַׁעֲרֵי תְּפִלּוֹת אַז דֶער צַדִּיק הָאט גֶעוואוּסְט דִי טוֹיעֶרְן וואוּ דִי תְּפִילוֹת דַארְפְן אָנְקוּמֶען, וְהָיָה יוֹדֵעַ אוּן עֶר הָאט גֶעוואוּסְט כָּל תְּפִלָּה הַשַּׁיָּךְ לְשִׁבְטוֹ יֶעדֶע תְּפִלָּה וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זַיין שֵׁבֶט.

**אָבֶער** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶונֶען קוּמֶען דִי מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת אוּן נֶעמֶען אִים אַרוּם בִּיז עֶר בְּלַייבְּט שְׁטֶעקְן אִין דִי טוּנְקֶלְקֵייט, גֵייט יֶעצְט דֶער רֶבִּי מַסְבִּיר זַיין וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דַאוֶונֶען אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן שֶׁעפְּן חִיּוּת פוּנֶעם דַאוֶונֶען; עֶס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָא. 'וְאָמְרִינַן לֵהּ: כַּמָּה מְרַחֲקִינַן מִמַּיָּא' הָאבְּן מִיר אִים גֶעזָאגְט: וִוי וַוייט זֶענֶען מִיר פוּן וַואסֶער? 'וְאָמַר: הָבוּ לִי עַפְרָא. וְיָהֲבִינַן לֵהּ' אוּן עֶר הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, גֶעבְּט מִיר עֶרְד, הָאבְּן מִיר אִים גֶעגֶעבְּן, 'אָמַר לָן: תְּמַנְיָא פַּרְסֵי' הָאט עֶר אוּנְז גֶעזָאגְט, אַכְט פַּרְסָאוֹת, 'תָּנֵינַן וְיָהֲבִינַן לֵהּ' הָאבְּן מִיר אִים נָאכְאַמָאל גֶעגֶעבְּן עֶרְד, 'אָמַר לָן: תְּלָתָא פַּרְסֵי' הָאט עֶר אוּנְז גֶעזָאגְט: דְרֵיי פַּרְסָה. 'אֲפֵכִית' הָאבְּן מִיר אִיבֶּערְגֶעבִּיטְן דִי עֶרְד מִיט אַנְדֶערֶע עֶרְד, 'וְלָא יָכֵלִית לֵהּ' אוּן מִיר הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּייקוּמֶען. הַיְנוּ טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי: 'אָמְרִינַן לֵהּ' מִיר הָאבְּן

לֵהּ: כַּמָּה אֲנַן מְרַחֲקִינַן מִמַּיָּא — מִבְּחִינַת (אֵיכָה ב): "שִׁפְכִי לִבֵּךְ כַּמַּיִם נֹכַח פְּנֵי ה'".

**אָמַר** לָן, תְּמַנְיָא בְּחִינוֹת, הַיְנוּ לִמּוּד הַתּוֹרָה, שֶׁהוּא חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תוֹרָה, וּשְׁלֹשָׁה תְּפִלּוֹת. תָּנֵינַן וְיָהֲבִינַן לֵהּ — תָּנֵינַן, לְשׁוֹן לִמּוּד, וְאַחַר הַלִּמּוּד, יָהֲבִינַן לֵהּ לְהָרִיחַ, כַּמָּה מְרַחֲקִינַן מִזֹּאת הַבְּחִינָה שֶׁל מַיִם. וְאָמַר לָן, תִּלְתָּא פַּרְסֵי — הַיְנוּ שְׁלֹשָׁה בְּחִינוֹת תְּפִלּוֹת. וְהֶרְאָה לָנוּ סִימָן עַל זֶה, שֶׁעֲדַיִן לֹא הִגַּעְנוּ לְמַדְרֵגָה זֹאת שֶׁנִּתְפַּלֵּל כָּל כָּךְ בְּכַוָּנָה עַד שֶׁנִּשְׁפֹּךְ לִבֵּנוּ לְפָנָיו כַּמַּיִם.

גֶעזָאגְט פַארְן צַדִּיק פוּנֶעם דוֹר, 'כַּמָּה אֲנַן מְרַחֲקִינַן מִמַּיָּא' ווִי ווַייט זֶענֶען מִיר פוּן ווַאסֶער? דָאס מֵיינְט מֶען פוּן תְּפִלָּה ווָאס אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ ווַאסֶער, מִבְּחִינַת אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אֵיכָה ב, יט): 'שִׁפְכִי לִבֵּךְ כַּמַּיִם' גִיסְט אוֹיס אַייעֶר הַארְץ ווִי ווַאסֶער - 'נֹכַח פְּנֵי ה'' צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם צַדִּיק ווִי אַזוֹי וועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען זִיךְ אוֹיסגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת? 'אָמַר לָן' הָאט דֶער צַדִּיק אוּנְז גֶעזָאגְט: 'תְּמַנְיָא' בְּחִינוֹת דוּרְכְדֶעם ווָאס מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַכְט זַאכְן, הַיְנוּ לִמּוּד הַתּוֹרָה דָאס הֵייסְט דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, ווָאס רֵיינִיגְט דִי מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, שֶׁהוּא חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תּוֹרָה ווָאס דִי תּוֹרָה אִיז פִינְף - פִינְף סְפָרִים פוּן תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב, וּשְׁלֹשָׁה תְּפִלּוֹת אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב. 'תָּנֵינַן וְיָהֲבִינַן לֵהּ' [הָאבְּן מִיר אִים נָאכְאַמָאל גֶעגֶעבְּן עֶרְד], טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי, 'תָּנֵינַן' דִי ווָארְט 'תָּנֵינַן' לְשׁוֹן לִמּוּד אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן לֶערְנֶען, וְאַחַר הַלִּמּוּד אוּן נָאכְן לֶערְנֶען, 'יָהֲבִינַן לֵהּ' לְהָרִיחַ הָאבְּן מִיר אִים גֶעגֶעבְּן צוּ שְׁמֶעקְן, צוּ זֶען אוֹיבּ נָאכְן לֶערְנֶען אַלֵיינְס כַּמָּה מְרַחֲקִינַן ווִי ווַייט מִיר הַאלְטְן נָאךְ פוּן שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה, מִזֹּאת הַבְּחִינָה שֶׁל מַיִם פוּן 'שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ' זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ אָן מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, 'וְאָמַר לָן, תִּלְתָּא פַּרְסֵי' [הָאט עֶר אוּנְז גֶעזָאגְט: דְרַיי פַּרְסָה], הַיְנוּ טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג נָאר לֶערְנֶען תּוֹרָה, נָאר מֶען דַארְף אוֹיךְ הָאבְּן דִי מִדָּה פוּן 'אֱמֶת' ווָאס מַאכְט עֶס זָאל לַייכְטְן צוּ אִים דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קֶענֶען פַארְעֶכְטְן דִי דְרַיי עוֹלָמוֹת, דִי דְרַיי ווֶעלְטְן, שְׁלֹשָׁה בְּחִינוֹת תְּפִלּוֹת ווָאס דָאס זֶענֶען דִי דְרַיי בְּחִינוֹת פוּן תְּפִלָּה אוּן דִי דְרַיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב.

**וְהֶרְאָה** לָנוּ סִימָן עַל זֶה דֶער צַדִּיק הָאט אוּנְז גֶעווִיזְן אַ סִימָן אוֹיף דֶעם, שֶׁעֲדַיִן לֹא הִגַּעְנוּ לְמַדְרֵגָה זֹאת אַז מִיר זֶענֶען נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה שֶׁנִּתְפַּלֵּל כָּל כָּךְ בְּכַוָּנָה צוּ דַאוֶונֶען מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע כַּוָונָה, עַד שֶׁנִּשְׁפֹּךְ לִבֵּנוּ לְפָנָיו זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְגִיסְן אוּנְזֶער הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן כַּמַּיִם אַזוֹי ווִי ווַאסֶער,

וְהָא רְאָיָה: אֲפֵכִית — כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים פ"ט): "אַף תָּשִׁיב צוּר חַרְבּוֹ וְלֹא הֲקֵמוֹתוֹ בַּמִּלְחָמָה", כִּי כָּל הַתְּפִלּוֹת הֵם בְּחִינַת חֶרֶב אֵצֶל מָשִׁיחַ; וְאִם הָיוּ הַתְּפִלּוֹת בִּבְחִינָה הַנַּ"ל, בְּוַדַּאי לֹא הָיָה מֵשִׁיב צוּר חַרְבּוֹ, וְזֶה סִימָן שֶׁעֲדַיִן לֹא הִגַּעְנוּ לְמַדְרֵגַת "שִׁפְכִי לִבֵּךְ כַּמַּיִם נֹכַח פְּנֵי ה'".

ה וּתְפִלָּה הוּא בְּחִינַת נִסִּים, שֶׁהוּא אֵין דֶּרֶךְ הַטֶּבַע; כִּי

**וְהָא רְאָיָה** און דער צַדִּיק הָאט זיי אויפְגֶעוויזְן אַז זיי הַאלְטְן נָאכְנִישְׁט בַּיי די מַדְרֵגָה, ווייל **'אֲפֵכִית'** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאךְ אַוֶועק גֶעדְרֵייט פון אִים, עֶר הַאלט נָאכְנִישְׁט בַּיי תְּפִלַּת נֹכַח פְּנֵי הַשֵּׁם, פָּנִים אֶל פָּנִים. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פ"ט, מד): **'אַף תָּשִׁיב צוּר חַרְבּוֹ'** הָאסְט אויךְ אוּמְגֶעקֶערְט די שַׁארְף פון זַיין שְׁוֶוערְד [עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט די פֵיינְט], **'וְלֹא הֲקֵמוֹתוֹ בַּמִּלְחָמָה'** און הָאסְט אִים נִישְׁט אויפְגֶעשְׁטֶעלְט אִין מִלְחָמָה עֶר זָאל נִישְׁט פַאלְן, **כִּי כָּל הַתְּפִלּוֹת** ווייל אַלֶע תְּפִילוֹת **הֵם בְּחִינַת חֶרֶב** אִיז אַזוֹי ווי אַ שְׁוֶוערְד **אֵצֶל מָשִׁיחַ** פַאר מָשִׁיחַ, **וְאִם הָיוּ הַתְּפִלּוֹת בִּבְחִינָה הַנַּ"ל** און אויב וָואלְטְן זַיינֶע תְּפִילוֹת גֶעוֶוען אַזוֹי ווי פְרִיעֶר אויסְגֶעשְׁמוּעֶסְט **בְּוַדַּאי לֹא הָיָה מֵשִׁיב צוּר** וָואלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ זִיכֶער נִישְׁט אַוֶועק גֶעדְרֵייט **חַרְבּוֹ** פון זַיין תְּפִלָּה, **וְזֶה סִימָן** און דָאס אִיז אַ סִימָן **שֶׁעֲדַיִן לֹא הִגַּעְנוּ** אַז מִיר הַאלְטְן נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצְן **לְמַדְרֵגַת** בַּיי די מַדְרֵגָה פון תְּפִלָּה בִּשְׁלֵמוּת אָן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אֵיכָה ב, יט): **'שִׁפְכִי לִבֵּךְ כַּמַּיִם'** גִיסְט אויס אַייעֶר הַארְץ ווי וַואסֶער - **'נֹכַח פְּנֵי ה''** צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

[עֶס קֶען זַיין נָאךְ אַ פְּשַׁט אִין רַבֵּינ'ס ווערְטֶער, אַז די עִיקַר שְׁלֵימוּת פון תְּפִלָּה אִיז וֶוען מֶען לָאזְט נִישְׁט נָאךְ פון דַאוֶוענֶען, און אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט דוּרְךְ אויפְן מֶענְטְשׁ שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אויב 'אֲפֵכִית' וֶוען מֶען דְרֵייט אִים אִיבֶּער, דָאס הֵייסְט וֶוען מֶען פְּרוּבִּירְט אִים אויס מִיט שְׁוֶועריקַייטְן - לָאזְט עֶר נָאךְ פון תְּפִלָּה - אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּ די רִיכְטִיגֶע שְׁלֵימוּת פון תְּפִלָּה, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אֵיכָה ב, יט): 'שִׁפְכִי לִבֵּךְ כַּמַּיִם' גִיסְט אויס אַייעֶר הַארְץ ווי וַואסֶער - 'נֹכַח פְּנֵי ה'' צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): 'אֵיזֶה יִסּוּרִין שֶׁל אַהֲבָה' וָואס אִיז יִסוּרִים פון אַהֲבָה? 'כָּל שֶׁאֵין בּוֹ בִּטּוּל תְּפִלָּה' וֶוען מֶען לָאזְט נִישְׁט אָפּ דָאס דַאוֶוענֶען; ווייל ווי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל מִיט לִיבְשַׁאפְט אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים? וֶוען עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ דָאס דַאוֶוענֶען, און וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אויף אִים יְסוּרִים גִיסְט עֶר זִיךְ אויס דָאס הַארְץ ווי וַואסֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶערְפַאר וֶוען מֶען הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט הָאט עֶר זִיךְ נָאכְגֶעלָאזְט.]

**ה וּתְפִלָּה** און די זַאךְ פון דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - **הוּא בְּחִינַת נִסִּים** אִיז נִסִּים, **שֶׁהוּא אֵין דֶּרֶךְ הַטֶּבַע** וָואס הָאט

**לִפְעָמִים הַטֶּבַע מְחַיֵּב אֵיזוֹ דָּבָר, וְהַתְּפִלָּה מְהַפֶּכֶת אֶת הַטֶּבַע. וְעִקַּר הַנִּסִּים, הַיְנוּ עִקַּר הַתְּפִלָּה, אֵינוֹ אֶלָּא בְּאֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (תְּהִלִּים ל"ז): **"שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה", וֶאֱמוּנָה זֶה תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שְׁמוֹת י"ז): **"וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה" כְּתַרְגּוּמוֹ.**

נִישְׁט מִיט טֶבַע; **כִּי לִפְעָמִים הַטֶּבַע מְחַיֵּב אֵיזוֹ דָּבָר** וַוייל אַמָאל זֶעט מֶען אַ זַאךְ וָואס בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע וֶועט זַיין אַזוֹי אוּן אַזוֹי, **וְהַתְּפִלָּה** אוּן מִיט תְּפִלָּה **מְהַפֶּכֶת אֶת הַטֶּבַע** דְּרֵייט מֶען אִיבֶּער דִי גְּזֵירָה, מֶען טוּישְׁט דִי טֶבַע, וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶעט מֶען קְלָאר אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, אֲפִילוּ דִי טֶבַע אִיז אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אַז מֶען בֶּעט אִים דְרֵייט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּער אוּן מֶען זֶעט יְשׁוּעוֹת; נָאר וִויבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט נִישְׁט, עֶר בֶּעט נִישְׁט, עֶר אִיז מְיוּאָשׁ - פַאלְט עֶר אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ אַז עֶס אִיז דָא טֶבַע מִקְרֶה מַזָּל, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי מֶען קֶען נִישְׁט טוּישְׁן דִי טֶבַע, אוּן עֶר פַאלְט אַרַיין אִין כְּפִירוֹת, אָבֶּער אַז עֶר דַאוֶוענְט, עֶר אִיז עוֹסֵק אִין תְּפִלָּה - נֶעמְט עֶר אַרוֹיס דִי וֶועלְט פוּן טֶבַע אוּן עֶס וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר אַלֶעמֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס, בִּיז מֶען זֶעט נִיסִים.

**וְעִקַּר הַנִּסִּים** אוּן דֶער עִיקָּר פְּלַאץ וואו עֶס פַאסִירְט נִסִים, **הַיְנוּ** דָאס הֵייסְט **עִקַּר הַתְּפִלָּה** דֶער עִיקָּר פְּלַאץ וואו מֶען דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס פַּאסִירְט נִסִים - **אֵינוֹ אֶלָּא בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** דָאס אִיז נָאר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס דָארְט אִיז אַ פְּלַאץ פוּן אֱמוּנָה, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל"ז, ג): **'שְׁכָן אֶרֶץ'** דוּ וֶועסְט רוּעֶן אִין לַאנְד, **'וּרְעֵה אֱמוּנָה'** אוּן זִיךְ פַּאשֶׁען אִין דִי זְכוּת פוּן אֱמוּנָה; טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי: 'שְׁכָן אֶרֶץ' דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - 'וּרְעֵה אֱמוּנָה' אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה, אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים יא, יב): 'תָּמִיד עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ', שְׁטֶענְדִיג זֶענֶען דִי אוֹיגְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִיר, וַוייל דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט.

**וֶאֱמוּנָה זֶה תְּפִלָּה** אוּן אֱמוּנָה בְּרֶענְגְט תְּפִלָּה, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת י"ז, יב): **'וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה'** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס הֶענְט זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט מִיט אֱמוּנָה, **כְּתַרְגּוּמוֹ** אוּן וְוִי דֶער תַּרְגּוּם זָאגְט: 'פְּרִישָׁן בִּצְלוֹ' אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּפִלָּה; זֶעט מֶען אַז דֶער פָּסוּק רוּפְט אָן תְּפִלָּה - 'אֱמוּנָה', וַוייל אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה זֶענֶען אֵיינְס.

[אֱמוּנָה אִיז תְּפִלָּה, וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען וַוייסְט אוּן מֶען לֶעבְּט מִיט דֶעם אַז עֶס אִיז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מְצִיאוּת אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר - בֶּעט אִיךְ אִים יֶעדֶע

**וּבִשְׁבִיל** זֶה הִיא גָּבֹהַּ מִכָּל הָאֲרָצוֹת (זְבָחִים נד:), עַל שֵׁם שֶׁעִקַּר הַנִּסִּים שָׁם הֵם, וּכְתִיב (יְשַׁעְיָהוּ ס"ב): "הָרִימִי נֵס". וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרֵאת אֶרֶץ כְּנַעַן; כְּנַעַן — לְשׁוֹן סוֹחֵר, בְּחִינַת אֱמוּנָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וֶאֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ".

**וְזֶה** שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תַּעֲנִית י.): אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל שׁוֹתָה תְּחִלָּה. וְהַגְּשָׁמִים בָּאִים מִתְּהוֹמוֹת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים מ"ב): "תְּהוֹם אֶל תְּהוֹם קוֹרֵא"; וּתְהוֹם לְשׁוֹן נֵס, כְּמוֹ

זַאךְ און אִיךְ דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט מִיר און אַלֶעס וָואס טוּט מִיר וֵויי', און אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה - דַאוֶוענְט מֶען נִישְׁט צוּ אִים, מֶען טוּט גְרִינְגְשֶׁעצְן אִין תְּפִלָּה].

**וּבִשְׁבִיל** זֶה און דֶערִיבֶּער הִיא 'גָּבֹהַּ' אִיז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הֶעכֶער 'מִכָּל הָאֲרָצוֹת' פוּן אַלֶע לֶענְדֶער (זְבָחִים נד:), עַל שֵׁם שֶׁעִקַּר הַנִּסִּים שָׁם הֵם וַוייל דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דִי פְּלַאץ פוּן נִסִּים, און דֶער עִיקָּר זַאךְ פוּן נִסִּים אִיז - מֶען זָאל אַרוֹיפְקוּקְן אוֹיף אַרוֹיף, וּכְתִיב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ ס"ב, י): 'הָרִימִי נֵס' [דֶערְהוֹיבְּט אַ פָּאן צוּ וַוייזְן אַז דִי גְאוּלָה אִיז שׁוֹין דָא], דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן נִסִּים אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל וִויסְן אַז דִי וֶועלְט הָאט אַ פִירֶער, אַ בַּעַל הַבַּיִת, און וִויבַּאלְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דִי פְּלַאץ פוּן נִסִּים - אִיז זִי הֶעכֶער פוּן אַלֶע לֶענְדֶער, וּבִשְׁבִיל זֶה און דֶערִיבֶּער נִקְרֵאת וֶוערְט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַנְגֶערוּפְן אִין דִי תּוֹרָה מִיטְן נָאמֶען אֶרֶץ כְּנַעַן דִי לַאנְד כְּנַעַן, וַוייל כְּנַעַן דִי וָוארְט 'כְּנַעַן' - לְשׁוֹן סוֹחֵר מֵיינְט אַ 'סוֹחֵר', און וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז דֶער תַּרְגוּם זָאגְט אוֹיף 'סָבִיב', 'סְחוֹר', דִי לָשׁוֹן פוּן 'סוֹחֵר' - אַ לָשׁוֹן פוּן אַרוּם און אַרוּם, און אַרוּם בְּחִינַת אֱמוּנָה מֵיינְט אֱמוּנָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ט): 'וֶאֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ' און דַיין אֱמוּנָה אִיז אַרוּם דִיר; דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אֱמוּנָה און לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער שְׁפִּירְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וִוי עֶר אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי צוּרִיק צוּ וָואס עֶר הָאט פְרִיעֶר גֶעזָאגְט, אַז דֶער עִיקָּר פְּלַאץ פוּן נִסִּים אִיז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה און דָאס אִיז אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית י.): 'אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שׁוֹתָה תְּחִלָּה' אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּאקוּמְט עֶרְשְׁט דִי רֶעגְן וַואסֶער, בֶּעפָאר אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער, וְהַגְּשָׁמִים בָּאִים מִתְּהוֹמוֹת און דִי רֶעגְן וַואסֶער קוּמֶען פוּן דִי אָפְּגְרוּנְדְן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים מ"ב, ח): 'תְּהוֹם אֶל תְּהוֹם קוֹרֵא' אֵיין תְּהוֹם רוּפְט צוּ דִי צְוֵוייטֶע תְּהוֹם: בְּרֶענְגְט דִי רֶעגְן וַואסֶער; דֶער רֶבִּי גֵייט יֶעצְט אוֹיסְטַייטְשְׁן דִי גְמָרָא אוֹיף נִסִּים. וּתְהוֹם דִי וָוארְט 'תְּהוֹם' לְשׁוֹן נֵס קֶען אוֹיךְ טַייטְשְׁן נִסִּים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי

שֶׁכָּתוּב (רוּת א): "וַתֵּהֹם כָּל הָעִיר", כִּי עַל נֵס, הַיְנוּ עַל דְּבַר חִדּוּשׁ, מַתְמִיהִין. וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תַּעֲנִית כה:): 'קוֹל הַתּוֹר נִשְׁמַע בְּאַרְצֵנוּ' לְעִנְיַן גְּשָׁמִים, כִּי עִקַּר הַגְּשָׁמִים נִשְׁמָע בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, כִּי שָׁם הַתְּהוֹמוֹת, הַיְנוּ הַנִּסִּים, הַיְנוּ אֱמוּנָה, תְּפִלָּה.

**וְזֶה** לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה אֱלֹקִים — וּמִצְרַיִם הוּא הֶפֶךְ אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, זֶה לְעֻמַּת זֶה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת י"ד): "וּמִצְרַיִם נָסִים לִקְרָאתוֹ", שֶׁמִּצְרַיִם לְעֻמַּת אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, לְעֻמַּת הַנִּסִּים. וּבִשְׁבִיל זֶה אֵין מְקוֹם תְּפִלָּה בְּמִצְרַיִם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם ט): "וְהָיָה כְּצֵאתִי אֶת הָעִיר"

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (רוּת א, יט) וָוען נָעֳמִי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אַהֵיים: 'וַתֵּהֹם כָּל הָעִיר' אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט, (זִי אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי רֵייךְ אוּן צוּרִיק גֶעקוּמֶען אַזוֹי פַארְאָרֶעמְט), זֶעט מֶען אַז דִי וָוארְט תְּהוֹם אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן זִיךְ וואוּנְדֶערְן, אִיז דָאס וָוארְט 'תְּהוֹם' אוֹיךְ מְרַמֵּז אוֹיף נִסִּים, כִּי עַל נֵס וַוייל אוֹיף אַ נֵס הַיְנוּ עַל דְּבַר חִדּוּשׁ אוֹיף אַ וואוּנְדֶער - מַתְמִיהִין טוּעֶן זִיךְ אַלֶע וואוּנְדֶערְן, וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אוּן דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית כה:): 'קוֹל הַתּוֹר' דִי קוֹל פוּנֶעם טֶערְקְל טוֹיב 'נִשְׁמַע בְּאַרְצֵנוּ' וֶוערְט גֶעהֶערְט אִין לַאנְד, אוּן דִי פָּסוּק רֶעדְט זִיךְ לְעִנְיַן גְּשָׁמִים, פוּן רֶעגְן, אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט 'בְּאַרְצֵנוּ' אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כִּי עִקַּר הַגְּשָׁמִים נִשְׁמָע בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַז דִי עִיקָר רֶעגְן אִיז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל רֶעגְן קוּמְט פוּן דִי תְּהוֹם, כִּי שָׁם הַתְּהוֹמוֹת אוּן דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דָא דִי תְּהוֹם, הַיְנוּ הַנִּסִּים דָאס מֵיינְט מֶען נִסִּים, הַיְנוּ אֱמוּנָה וָואס קוּמְט פוּן אֱמוּנָה תְּפִלָּה וָואס קוּמְט פוּן תְּפִלָּה.

**וְזֶה** אוּן אַזוֹי וִוי בַּיי דִי קְדוּשָׁה - לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה אֱלֹקִים הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַנְטְקֶעגְן דֶעם בַּיי דִי טוּמְאָה. וּמִצְרַיִם הוּא הֶפֶךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִצְרַיִם אִיז דִי פַארְקֶערְטֶע פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֶה לְעֻמַּת זֶה אֵיינְס אַנְטְקֶעגְן דִי אַנְדֶערֶע, דִי טוּמְאָה אַנְטְקֶעגְן דִי קְדוּשָׁה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת י"ד, כז): 'וּמִצְרַיִם נָסִים לִקְרָאתוֹ' [אוּן דִי מִצְרִיִים זֶענֶען גֶעלָאפְן אַנְטְקֶעגְן אִים], טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי שֶׁמִּצְרַיִם אַז דִי מִצְרִיִים לְעֻמַּת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס זַיי זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי קְדוּשָׁה, אַנְטְקֶעגְן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל 'זֶה לְעֻמַּת זֶה', לְעֻמַּת הַנִּסִּים זַיי זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי נִסִּים - דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק 'וּמִצְרַיִם' דִי מִצְרִיִים וָואס גְלֵייבְּן נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'נָסִים' דִי נִסִּים זֶענֶען נִישְׁט מִיט זַיי, נָאר 'לִקְרָאתוֹ' קֶעגְן זַיי, וּבִשְׁבִיל זֶה אוּן דֶערִיבֶּער אֵין מְקוֹם תְּפִלָּה בְּמִצְרַיִם אִיז מִצְרַיִם נִישְׁט קַיין פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען דַאוֶונֶען, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם ט, כט) מֹשֶׁה רַבֵּינוּ

אֶפְרֹשׂ כַּפַּי". בִּשְׁבִיל זֶה, כְּשֶׁפָּגַם אַבְרָהָם בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, בְּשָׁעָה שֶׁהִבְטִיחַ לוֹ הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא עַל יְרֻשַּׁת אָרֶץ אָמַר (בְּרֵאשִׁית ט"ו): "בַּמָּה אֵדַע" — עַל־יְדֵי־זֶה יָרְדוּ אֲבוֹתֵינוּ לְמִצְרַיִם, כִּי פָּגַם בֶּאֱמוּנָה, הַיְנוּ אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, בְּחִינַת נִסִּים, וְיָרַד יַעֲקֹב וּבָנָיו לְמִצְרַיִם, שֶׁשָּׁם הֶפֶךְ הַנִּסִּים, שֶׁזֶּה לְעֻמַּת זֶה. וְיָרְדוּ דַּוְקָא יַעֲקֹב וּבָנָיו, כִּי הוּא פָּגַם בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, בְּחִינַת תְּפִלָּה, וְיָרְדוּ יַעֲקֹב וּבָנָיו, שֶׁהֵם בְּחִינַת תְּפִלָּה, שֶׁהֵם בְּחִינַת שְׁנֵים־עָשָׂר שַׁעֲרֵי תְּפִלָּה. וְעַל־יְדֵי

זאָגט פאַר פַּרְעֹה: 'וְהָיָה כְּצֵאתִי אֶת הָעִיר' ווען איך וועל אַרויסגיין פון שטאָט - 'אֶפְרֹשׂ אֶת כַּפַּי' וועל איך אויסשפּרייטן מיינע הענט צום אייבערשטן, אינדרויסן פון שטאָט וועל איך מִתְפַּלֵּל זיין; ווייל אין מִצְרַיִם איז נישט קיין פּלאַץ פון תְּפִלָּה, די טוּמְאָה פון מִצְרַיִם איז צו לייקענען אינעם אייבערשטן, לייקענען אין די אֱמוּנָה, די קְלִיפָּה זאָגט אַז אַלעס איז טֶבַע, אַזוי ווי עס שטייט (שָׁם ה, ב): 'וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה מִי הַוָי"ה אֲשֶׁר אֶשְׁמַע בְּקוֹלוֹ' [פַּרְעֹה האָט געזאָגט, ווער איז דער אייבערשטער איך זאָל צוהערן זיין קול?] פַּרְעֹה לייקנט אינעם אייבערשטן, ער האָט נישט געגלייבט אַז די גאַנצע וועלט ווערט געפירט דורכן אייבערשטן, און אַז עס איז דאָ אַ פְּגַם אין אֱמוּנָה - איז דאָס אַ פְּגַם אין תְּפִלָּה.

**בִּשְׁבִיל** זֶה און דערפאַר, **כְּשֶׁפָּגַם אַבְרָהָם בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** ווען אַבְרָהָם אָבִינוּ האָט געפרעגט קַשְׁיוֹת; **בְּשָׁעָה שֶׁהִבְטִיחַ לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל יְרֻשַּׁת אָרֶץ** ווען דער אייבערשטער האָט אים צוגעזאָגט צו געבן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, **אָמַר** האָט אַבְרָהָם אָבִינוּ געפרעגט דעם אייבערשטן: (בְּרֵאשִׁית ט"ו, ח): **'בַּמָּה אֵדַע'** פון ווי וועל איך וויסן אַז איך וועל עס באַקומען? **עַל יְדֵי זֶה יָרְדוּ אֲבוֹתֵינוּ לְמִצְרַיִם** האָט דער אייבערשטער דעמאָלט גּוֹזֵר געווען די גְזֵירָה אַז אונזערע עלטערן זאָלן גיין קיין מִצְרַיִם, **כִּי פָּגַם בֶּאֱמוּנָה** ווייל ער האָט פּוֹגֵם געווען אין אֱמוּנָה, **הַיְנוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, **בְּחִינַת נִסִּים** די פּלאַץ פון נִסִּים; דעריבער איז נִגְזַר געוואָרן **וְיָרַד יַעֲקֹב וּבָנָיו לְמִצְרַיִם** אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ מיט די הייליגע שְׁבָטִים זאָלן דאַרפן אַראָפּגיין קיין מִצְרַיִם, **שֶׁשָּׁם** וואָס דאָרט אין מִצְרַיִם **הֶפֶךְ הַנִּסִּים** איז פאַרקערט פון נִסִּים, **שֶׁזֶּה לְעֻמַּת זֶה** ווייל אַנטקעגן די קְדוּשָּׁה איז דאָ די טוּמְאָה.

**וְיָרְדוּ דַּוְקָא יַעֲקֹב וּבָנָיו** און פאַרוואָס האָבן פּינקט יַעֲקֹב אָבִינוּ מיט די שְׁבָטִים געדאַרפט גיין קיין מִצְרַיִם? **כִּי הוּא פָּגַם בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** ווייל די פְּגַם פון אַבְרָהָם אָבִינוּ איז אויף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, **בְּחִינַת תְּפִלָּה** וואָס איז די פּלאַץ פון נִסִּים, פון אֱמוּנָה, פון תְּפִלָּה, **וְיָרְדוּ יַעֲקֹב וּבָנָיו** מִמֵּילָא האָבן יַעֲקֹב מיט די שְׁבָטִים געדאַרפט אַראָפּגיין אַהין, **שֶׁהֵם בְּחִינַת תְּפִלָּה** ווייל זיי זענען תְּפִלָּה, **שֶׁהֵם בְּחִינַת שְׁנֵים עָשָׂר שַׁעֲרֵי תְּפִלָּה** די צוועלף טויערן פאַר תְּפִלָּה, אַזוי ווי אויבן אויסגעשמועסט.

**און** אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, וְעַל יְדֵי שֶׁעִקַּר הַתְּפִלָּה הֵם יַעֲקֹב וּבָנָיו טַאקֶע ווייל יַעֲקֹב אָבִינוּ מִיט דִי שְׁבָטִים הָאבְּן דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, עַל יְדֵי זֶה דֶערְפַאר **לֹא** זָכָה לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבְּן נִישְׁט אַנְדֶערֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, לִבְחִינַת תְּפִלָּה דָאס מֵיינְט מֶען תְּפִלָּה, **אֶלָּא** יַעֲקֹב וּבָנָיו נָאר יַעֲקֹב אָבִינוּ מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ עֶר וֶועט גֶעבְּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כ"א, יב): 'כִּי בְיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע' [ווייל אִין יִצְחָק וֶועט זַיין גֶערוּפְן צוּ דִיר קִינְדֶער], אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דַּרְשְׁ'עֶנֶען אוֹיף דֶעם: 'וְלֹא כָּל יִצְחָק' (נְדָרִים לא.) נִישְׁט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פוּן יִצְחָק, נָאר יַעֲקֹב; אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּאלַאנְגְט נָאר פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, קִינְדֶער פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ; אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, גֶעהֶערְט נָאר צוּ דִי קִינְדֶער פוּן יַעֲקֹב, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כז, כב): 'הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב', תְּפִלָּה גֶעהֶערְט פַאר יַעֲקֹב.

**וְזֶה** שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אוּן

שֶׁעִקַּר הַתְּפִלָּה הֵם יַעֲקֹב וּבָנָיו כַּנַּ"ל, עַל־יְדֵי־זֶה **לֹא** זָכָה לְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, לִבְחִינַת תְּפִלָּה, **אֶלָּא** יַעֲקֹב וּבָנָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית כ"א): "כִּי בְיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע", וְלֹא כָּל יִצְחָק (נְדָרִים לא.).

**וְזֶה** שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תַּעֲנִית ח.): 'אֵין הַגְּשָׁמִים יוֹרְדִין **אֶלָּא** בִּשְׁבִיל אֲמָנָה', הַיְנוּ בְּחִינַת אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה, בְּחִינַת אֱמוּנָה; וְהִיא שׁוֹתָה תְּחִלָּה, שֶׁשָּׁם הַתְּהוֹמוֹת בְּחִינַת נִסִּים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וַתֵּהֹם כָּל הָעִיר". וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ,

דָאס זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּעֲנִית ח.): 'אֵין הַגְּשָׁמִים יוֹרְדִין' עֶס רֶעגְנְט נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט '**אֶלָּא** בִּשְׁבִיל אֲמָנָה' נָאר אִין דִי זְכוּת פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אֱמוּנָה, הַיְנוּ בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ווייל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דָארְט אִיז דִי פְּלַאץ פוּן רֶעגְן, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה ווייל דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דִי פְּלַאץ פוּן תְּפִלָּה אוּן תְּפִלָּה בְּרֶענְגְט רֶעגְן, בְּחִינַת אֱמוּנָה אוּן דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דִי פְּלַאץ פוּן אֱמוּנָה, וֶועגְן דֶעם זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְהִיא שׁוֹתָה תְּחִלָּה בַּאקוּמְט דִי עֶרְשְׁטֶע צוּ טְרִינְקֶען פוּן דִי רֶעגְן וַואסֶער, שֶׁשָּׁם הַתְּהוֹמוֹת ווייל דָארְט אִיז דִי פְּלַאץ פוּן דִי 'תְּהוֹמוֹת', בְּחִינַת נִסִּים דָאס מֵיינְט מֶען נִסִּים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, וֶוען נָעֳמִי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אַהֵיים (רוּת א, יט): 'וַתֵּהֹם כָּל הָעִיר' אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט, (זִי אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי רַייךְ אוּן צוּרִיק גֶעקוּמֶען אַזוֹי פַארָארֶעמְט), זֶעט מֶען אַז דִי וָוארְט תְּהוֹם אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן זִיךְ וואוּנְדֶערְן, אִיז דָאס וָוארְט 'תְּהוֹם' אוֹיךְ מְרַמֵּז אוֹיף נִסִּים.

**וְזֶה** שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אוּן דָאס זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם ח:):

זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שָׁם ח:): 'בְּשָׁעָה שֶׁהַגְּשָׁמִים יוֹרְדִין, אֲפִלּוּ פְּרוּטָה שֶׁבַּכִּיס מִתְבָּרֶכֶת'; 'פְּרוּטָה' — זֶה בְּחִינַת קוֹל הַתּוֹר. וְאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'הַאי רוּדְיָא דָּמְיָא לְתוֹר, וּפְרִיטָא שִׂפְוָתֵהּ', וְהוּא עוֹמֵד בֵּין תְּהוֹמָא לִתְהוֹמָא, שֶׁהוּא כָּלוּל מִשְּׁנֵי הַתְּהוֹמוֹת, שֶׁהוּא כְּלָלִיּוּת הַנִּסִּים. וְזֶה: 'פְּרוּטָה שֶׁבַּכִּיס', שֶׁפְּעָמִים נִתְכַּסֶּה כֹּחַ הַנִּסִּים; וְעַל־יְדֵי הַגְּשָׁמִים נִתְבָּרֵךְ הַפְּרוּטָה, הַיְנוּ הַנִּסִּים, 'דִּפְרִיטָא שִׂפְוָתֵהּ'. וְאֵלּוּ בְּנֵי־אָדָם הַמַּכְחִישִׁים כָּל הַנִּסִּים וְאוֹמְרִים שֶׁהַכֹּל דֶּרֶךְ הַטֶּבַע, וְאִם רוֹאִים אֵיזֶהוּ נֵס, הֵם מְכַסִּים אֶת הַנֵּס עִם דֶּרֶךְ הַטֶּבַע, שֶׁאוֹמְרִים שֶׁזֶּה דֶּרֶךְ הַטִּבְעִים — נִמְצָא שֶׁפּוֹגְמִים

'בְּשָׁעָה שֶׁהַגְּשָׁמִים יוֹרְדִין, אֲפִלּוּ פְּרוּטָה שֶׁבַּכִּיס מִתְבָּרֶכֶת' [ווען עס רעגנט ווערן אֲפִילוּ די געלט אין טאש געבענטשט], טייטשט דער רבי 'פְּרוּטָה' די ווארט 'פְּרוּטָה' - זֶה בְּחִינַת 'קוֹל הַתּוֹר' דאס מיינט מען די ליפּן, דאס רעדן צום אייבערשטן (אַזוֹי ווי מען וועט שפּעטער אויסשמועסן, און אויך ווערט דאס אויסגעשמועסט אין סימן ז), וְאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה און די היילִיגע חכמים זאגן (שָׁם כה:) 'הַאי רוּדְיָא' דער מַלְאָךְ וואס איז געשטעלט אויף ברענגען רעגן, 'דָּמְיָא לְתוֹר' זעט אויס ווי אַ קעלבל, 'וּפְרִיטָא שִׂפְוָתֵהּ' און זיינע ליפּן זענען אָפן און געשפּאלטן, 'וְהוּא עוֹמֵד בֵּין תְּהוֹמָא לִתְהוֹמָא' און ער שטייט צווישן די צוויי תְּהוֹמוֹת, און לויט ווי דער רבי האט געזאגט - איז די ווארט 'תְּהוֹם' אַ לָשׁוֹן פון 'נִסִּים', און עס איז דאך דא צוויי סארט נִסִּים, אָפענע נִסִּים און אַזוֹי אויך נִסִּים וואס זענען מְלֻבָּשׁ מיט טֶבַע (אַזוֹי ווי שוין אויסגעשמועסט אין סימן ז), קומט אויס אַז דער מַלְאָךְ שֶׁהוּא כָּלוּל מִשְּׁנֵי הַתְּהוֹמוֹת איז געשטעלט אויף ביידע תְּהוֹמוֹת, שֶׁהוּא כְּלָלִיּוּת הַנִּסִּים וואס איז אַלע נִסִּים, וְזֶה און דאס איז פְּשַׁט: 'פְּרוּטָה שֶׁבַּכִּיס' [די געלט פון טאש], טייטשט דער רבי 'כִּיס' איז אַ לָשׁוֹן פון 'פַּארדעקט', שֶׁפְּעָמִים ווייל אַמאל נִתְכַּסֶּה כֹּחַ הַנִּסִּים ווערט פַּארדעקט די כֹּחַ פונעם אייבערשטן ווי ער מאכט נִיסִים, מען הענגט עס אָן אין טֶבַע וְעַל יְדֵי הַגְּשָׁמִים און דורכדעם וואס עס רעגנט - נִתְבָּרֵךְ הַפְּרוּטָה ווערט געבענטשט די 'פְּרוּטָה', הַיְנוּ דאס מיינט מען הַנִּסִּים די וואונדער פונעם אייבערשטן 'דִּפְרִיטָא שִׂפְוָתֵהּ'.

וְאֵלּוּ בְּנֵי אָדָם און די מענטשן הַמַּכְחִישִׁים כָּל הַנִּסִּים וואס לייקענען אָפּ די נִסִּים פונעם אייבערשטן, וְאוֹמְרִים און זיי זאגן שֶׁהַכֹּל דֶּרֶךְ הַטֶּבַע אַז אַלעס פירט זיך נאטורליך, וְאִם רוֹאִים אֵיזֶהוּ נֵס און ווען עס פּאסירט אַ נֵס, הֵם מְכַסִּים אֶת הַנֵּס דעקן זיי צו די נֵס עִם דֶּרֶךְ הַטֶּבַע מיט נאטור, שֶׁאוֹמְרִים זיי זאגן שֶׁזֶּה דֶּרֶךְ הַטִּבְעִים אַז די וועלט פירט זיך מיט טֶבַע - נִמְצָא שֶׁפּוֹגְמִים בַּתְּפִלָּה די זענען

בַּתְּפִלָּה, כִּי הַתְּפִלָּה הִיא נִסִּים, שֶׁמְּשַׁנָּה אֶת הַטֶּבַע; וּפוֹגְמִים בָּאֱמוּנָה, שֶׁאֵין מַאֲמִינִים בְּהַשְׁגָּחַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ; וּפוֹגְמִים בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, שֶׁהוּא מְקוֹם הַנִּסִּים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְקוֹל הַתּוֹר נִשְׁמַע בְּאַרְצֵנוּ", וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ: 'אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל שׁוֹתָה תְּחִלָּה', כִּי שָׁם הַתְּהוֹמוֹת מְקוֹם הַנִּסִּים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וַתֵּהֹם כָּל הָעִיר". וְעַל־יְדֵי־זֶה צָרִיךְ לִפֹּל בְּגָלוּת מִצְרַיִם, כִּי זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה כַּנַּ"ל, וְכָל הַגָּלֻיּוֹת מְכֻנִּים בְּשֵׁם מִצְרַיִם, עַל שֵׁם שֶׁהֵם מְצֵרִים לְיִשְׂרָאֵל (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בְּרֵאשִׁית־רַבָּה טז).

**וְזֶה פֵּרוּשׁ: תְּהֹמֹת יְכַסְיֻמוּ —**

פוֹגֵם אִין תְּפִלָּה, זֵיי שְׁוַואכְן אָפּ דִי זַאךְ פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לוֹיט זֵיי פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין, לוֹיט זֵיי פַּאסִירְט אַלֶעס פוּן זִיךְ אַלֵיין חַס וְשָׁלוֹם, כִּי הַתְּפִלָּה הִיא נִסִּים וַוייל תְּפִלָּה בְּרֶענְגְט נִסִּים, שֶׁמְּשַׁנָּה אֶת הַטֶּבַע תְּפִלָּה דְרֵייט אִיבֶּער דִי טֶבַע, וּפוֹגְמִים בָּאֱמוּנָה אוּן זֵיי טוּעֶן פַּארְמִינֶערְן דִי אֱמוּנָה, שֶׁאֵין מַאֲמִינִים בְּהַשְׁגָּחַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ זֵיי טוּעֶן נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, וּפוֹגְמִים בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֵיי טוּעֶן פוֹגֵם זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שֶׁהוּא מְקוֹם הַנִּסִּים וָואס דָארְט אִיז דִי פְּלַאץ פוּן נִיסִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: 'וְקוֹל הַתּוֹר נִשְׁמַע בְּאַרְצֵנוּ', וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן: 'אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שׁוֹתָה תְּחִלָּה', כִּי שָׁם וַוייל דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הַתְּהוֹמוֹת זֶענֶען דִי תְּהוֹמוֹת, דִי אָפְּגְרִינְדְן - וָואס בְּרֶענְגֶען רֶעגְן, דָאס מֵיינְט מֶען מְקוֹם הַנִּסִּים אַז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דִי פְּלַאץ פוּן נִסִּים, תְּהוֹמוֹת אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן נִסִּים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, ווֶען נָעֳמִי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אַהֵיים (רוּת א, יט): 'וַתֵּהֹם כָּל הָעִיר' אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט, (זִי אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי רַייךְ אוּן צוּרִיק גֶעקוּמֶען אַזוֹי פַּארָארֶעמְט), זֶעט מֶען אַז דִי ווָארְט תְּהוֹם אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן זִיךְ וואוּנְדֶערְן, אִיז דָאס ווָארְט 'תְּהוֹם' אוֹיךְ מְרַמֵּז אוֹיף נִסִּים, וְעַל יְדֵי זֶה אוּן דֶערְפַאר צָרִיךְ לִפֹּל בְּגָלוּת מִצְרַיִם דַארְף מֶען אַרַיינְפַאלְן אִין גָלוּת מִצְרַיִם, כִּי זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי טֻמְאָה אַנְטְקֶעגְן דִי קְדֻשָּׁה, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, וְכָל הַגָּלֻיּוֹת אוּן אַלֶע גָלֻיּוֹת אוּן אַלֶע צָרוֹת, מְכֻנִּים וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן - בְּשֵׁם מִצְרַיִם מִיטְן נָאמֶען 'מִצְרַיִם', עַל שֵׁם פוּן ווֶעגְן, שֶׁהֵם מְצֵרִים לְיִשְׂרָאֵל זֵיי מַאכְן עֶנְג פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן בְּרֵאשִׁית רַבָּה טז, ד).

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי אַרַיינְטַייטְשְׁן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִינֶעם פָּסוּק מִיט וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה. וְזֶה פֵּרוּשׁ אוּן דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין פָּסוּק: 'תְּהֹמֹת יְכַסְיֻמוּ' [דִי אָפְּגְרִינְדְן זָאלְן זֵיי

**מִי שֶׁמְּכַסֶּה אֶת הַנִּסִּים, וּמַרְאֶה לְכָל דָּבָר שֶׁהוּא דֶּרֶךְ הַטֶּבַע יָרְדוּ בִּמְצוֹלֹת כְּמוֹ אָבֶן — (בְּרֵאשִׁית מ"ט) "מִשָּׁם רֹעֶה אֶבֶן יִשְׂרָאֵל" תַּרְגּוּמוֹ: 'אָב וּבְנָן'. מְצוֹלֹת — זֶה בְּחִינַת מִצְרַיִם, שֶׁנֶּאֱמַר (שְׁמוֹת י"ב): "וַיְנַצְּלוּ אֶת מִצְרָיִם". כְּמוֹ 'אָב וּבְנָן' — הַיְנוּ יַעֲקֹב וּבָנָיו, שֶׁהֵם בְּחִינַת תְּפִלָּה, בְּחִינַת נִסִּים, בְּחִינַת אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל. לְפִי יְרִידָתָם וּלְפִי הַפְּגָם שֶׁפָּגַם בִּתְפִלָּה וּבֶאֱמוּנָה**

פַארְדֶעקְן], טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי, מִי שֶׁמְּכַסֶּה אֶת הַנִּסִּים וֶוער עֶס פַארְדֶעקְט דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט, וּמַרְאֶה לְכָל דָּבָר שֶׁהוּא דֶּרֶךְ הַטֶּבַע עֶר מַאכְט אַוֶועק דִי נִסִּים, עֶר זָאגְט אַז אַלֶעס אִיז טֶבַע, דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם אָן קֵיין בַּעַל הַבַּיִת, דָאס אִיז מְרֻמָּז אִין פָּסוּק, 'תְּהוֹמוֹת' דָאס מֵיינְט מֶען דִי נִסִּים (תְּהוֹם אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן וואוּנְדֶער אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט), 'יְכַסְיֻמוּ' וֶוערְט פַארְדֶעקְט; דִי וָואס פַארְדֶעקְן דִי וואוּנְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן עֶס אִיז טֶבַע, בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף אַז 'יָרְדוּ בִּמְצוֹלֹת כְּמוֹ אָבֶן' [זֵיי הָאבְּן גֶענִידֶערְט אִין דִי טִיפֶענִישׁ פוּן יַם סוּף אַזוֹי וִוי אַ שְׁטֵיין], יַעֲקֹב אָבִינוּ מִיט דִי צְוֶועלְף שְׁבָטִים נִידֶערְן אַרָאפּ קֵיין מִצְרַיִם, מֶען בְּלַייבְּט אִין דִי טוּנְקֶלְקֵייט. דֶער רֶבִּי גֵייט מַסְבִּיר זַיין וואוּ דָאס אִיז מְרֻמָּז אִין פָּסוּק, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ"ט, כד) 'מִשָּׁם רֹעֶה אֶבֶן יִשְׂרָאֵל' תַּרְגּוּמוֹ: רַשִׁ"י זָאגְט, 'אֶבֶן יִשְׂרָאֵל' אִיז נוֹטְרִיקוֹן אָב וּבֵן, 'אָב וּבְנָן' דָאס מֵיינְט מֶען דִי פָּאטֶער מִיט דִי קִינְדֶער, 'יַעֲקֹב וּבָנָיו' יַעֲקֹב מִיט זַיינֶע קִינְדֶער.

[דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אוּן גֶעזָאגְט: 'כְּשֶׁפּוֹגְמִין בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נוֹפְלִין בְּגָלוּת', וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאלְט מֶען אַרַיין אִין גָלוּת, אוּן אַ סִימָן אוֹיף דֶעם, וָואס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מט, כד): 'מִשָּׁם רוֹעֶה אֶבֶן יִשְׂרָאֵל', אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶוער קֶען מִיר זָאגְן פְּשַׁט אוֹיף דֶעם? אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוְוּיסְט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, קוּק נָאךְ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִין סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק אוֹת תנה.]

'מְצוֹלֹת' דִי וָוארְט 'מְצוֹלֹת' זֶה בְּחִינַת מִצְרַיִם דָאס מֵיינְט מֶען מִצְרַיִם, שֶׁנֶּאֱמַר אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת י"ב, לו): 'וַיְנַצְּלוּ אֶת מִצְרָיִם' [זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעלֵיידִיגְט מִצְרַיִם], וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען דֶעקְט צוּ דִי נִסִּים מִיטְן זָאגְן עֶס אִיז טֶבַע, עֶס אִיז נִישְׁט בְּהַשְׁגָּחָה - דַארְף מֶען אָנְקוּמֶען קֵיין מִצְרַיִם, מֶען בְּלַייבְּט אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, כְּמוֹ 'אָב וּבְנָן' דִי טַאטֶע מִיט דִי זִין, הַיְנוּ יַעֲקֹב וּבָנָיו דָאס מֵיינְט מֶען יַעֲקֹב אָבִינוּ מִיט דִי צְוֶועלְף שְׁבָטִים, שֶׁהֵם בְּחִינַת תְּפִלָּה וָואס זֵיי - דִי צְוֶועלְף שְׁבָטִים מִיט יַעֲקֹב אָבִינוּ - זֶענֶען דִי צְוֶועלְף טוֹיעֶרְן פוּן תְּפִלָּה, בְּחִינַת נִסִּים וָואס אִיז אֵיינְס מִיט נִסִּים, בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס אִיז אֵיינְס מִיט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, לְפִי יְרִידָתָם וַוייל לוֹיט זֵייעֶר יְרִידָה וּלְפִי הַפְּגָם שֶׁפָּגַם בִּתְפִלָּה וּבֶאֱמוּנָה וּבְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן לוֹיט דִי פְּגַם וָואס מֶען אִיז פּוֹגֵם אִין תְּפִלָּה, אִין

אֱמוּנָה און אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל – כֵּן צָרִיךְ לֵירֵד לְעֹמֶק הַגָּלוּת שֶׁל מִצְרַיִם אַזוֹי דַארְף מֶען נָאכְדֶעם בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן, אַרָאפְּנִידֶערְן אִין גָּלוּת מִצְרַיִם, כְּמוֹ שֶׁיָּרְדוּ יַעֲקֹב וּבָנָיו לְמִצְרַיִם אַזוֹי ווִי יַעֲקֹב מִיט דִי שְׁבָטִים הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַרָאפְּנִידֶערְן קַיין מִצְרַיִם כְּשֶׁאָמַר **אַבְרָהָם בַּמָּה אֵדַע עַל יְרֻשַּׁת אֶרֶץ** וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט און גֶעפְרֶעגְט 'ווִי אַזוֹי ווייס אִיךְ אַז אִיךְ וֶועל יַרְשְׁנֶ'ען דִי לַאנְד?'

(עַד כָּאן לְשׁוֹנוֹ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה)

**וּבְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, כֵּן צָרִיךְ לֵירֵד לְעֹמֶק הַגָּלוּת שֶׁל מִצְרַיִם, כְּמוֹ שֶׁיָּרְדוּ יַעֲקֹב וּבָנָיו לְמִצְרַיִם, כְּשֶׁאָמַר אַבְרָהָם בַּמָּה אֵדַע עַל יְרֻשַּׁת אֶרֶץ.**

(עַד כָּאן לְשׁוֹנוֹ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה)

**דֶער** רֶבִּי ווייזְט אוּנְז דָא ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁדּוּךְ און הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת מִיט פַּרְנָסָה, און צוּ זֶען שְׁטֶענְדִיג דִי נִסִּים און דִי וואוּנְדֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער און אִים בֶּעטְן מִיט דִי גַאנְצֶע כֹּחַ. דוּרְכְדֶעם גֶעבְּט מֶען לֶעבְּן פַאר דִי דְרַיי וֶועלְטְן און מֶען צֶעבְּרֶעכְט אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען וָואס פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְשְׁטֶעלְן און פַארְדֶעקְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַשְׁרֵי הַזּוֹכֶה, וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין תְּפִלָּה בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיין גָּלוּת און עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

# מהדורת פריעדמאן

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יוסף הכהן פריעדמאן הי"ו**

**וזוגתו חיה שיינדל**

**וילדיהם**

**אסתר, אהרן, רבקה, מרים, פייגא,**
**נחמן שמעון, דוד, מנחם.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבו לטובה, ויתברך מפי עליון בבני חיי
ומזוני רוויחא, וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו
הקדושים יגן וימליץ בעדו תמיד,

אמן כן יהי רצון.